STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03352

DERLEBT TSU DERTSEYLN

Mendel Ribkowski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערלעבט צו ערציילן

פאַרצייכענונגען און לידער

פון יאָזעף ריבאַקאָווסקי

דאָס דאָזיקע בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך פינאַנציעלע
און אַלזייטיקע מיטלען פונעם
פאַראייניקטן יאַנעווער הילפס־קאָמיטעט מיט דער מיטהילף
פון יאַנעווער לאַנדסלייט

DERLEBT TSU DERTZEILEN

By Mendel Ribkowski

I SURVIVED TO TELL

שער־בלאַט געצייכנט פון נחום קאַמין

Copyright, 1954
By Mendel Ribkowski
Brooklyn, New York

Printed in the U. S. A.

אין אָנדענק פון מיינע אומפאַרגעסלעכע
טאַטע־מאַמע
מיינע שוועסטער און ברידער
איז דאָס בוך געווידמעט

ס׳איז שוין זייער פיל דערציילט געוואָרן וועגן די שרעקלעכע איבערלע־בונגען פון די שארית הפליטה, ס׳האָבן געשריבן טאַלאַנטפולע שרייבער וועלכע האָבן אַליין דעם ביטערן שיקזאַל דורכגעמאַכט, און געקענט אַרויס־ברענגען דאָס וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט און געזען.

אָבער וויפל מען זאָל ניט שרייבן בלייבט נאָך אַלץ נישט דערציילט, איך וועל דאָ נוצן די ווערטער פון אקדמות „ווען פון אַלע טייכן זאָל ווערן טינט און פון אַלע וועלדער פענעס" וואָלט מען נישט געקענט באַשרייבן די אַלע יסורים און פּיין, די טראַגישע איבערלעבונגען פון דער שארית הפליטה.

איך בין נישט אויסן מיט דעם בוך צו רעפּרעזענטירן אַ ליטעראַריש ווערק, מיט דעם דערציילן מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון די קורצע טעג־נאַטיצן וועלכע כ׳האָב פאַרצייכנט אין די שווערסטע באַדינגונגען, איז מיין ציל ס׳זאָל נישט פאַרגעסן ווערן מיין געבורטס־שטעטל יאַנעווע, וועלכעס איז באַקאַנט געווען מיט אַ קולטורעל יידיש לעבן און אַ בליענדיקער יוגנט, און היינט איז דאָרט אָפּגעווישט יעדער יידישער שפּור.

דאָס שטעטל וועמענס חורבות און פעלדער האָבן מיר געראַטעוועט פון אומקום, דאָס שטעטל אין וועלכן כ׳האָב נאָך דער באַפרייאונג געהאָלפן צוריק אויפבויען אַ יידיש לעבן, אָבער צום גרויסן באַדויערן איז די באַציאונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג געווען פול מיט שנאה און האַס צו אונדז. און נאָך דעם שענדלעכן אָנפאַל וואָס ס׳האָט געקאָסט דאָס לעבן פון 6 נייע געבוירענע יאַנעווער יידן, אַזוי ווי די נאַציס, נישט שוינענדיק אַפילו אַ קינד פון 6 מאָנאַטן, האָב איך דאָס שטעטל מיט ווייטיק אויף אייביק פאַרלאָזן.

אָנטרעפנדיק אין ניו־יאָרק אַ וואַרעמע יאַנעווער סביבה, אַ קאָמיטעט מיט חשובע טוער וועמען ס׳איז טייער יעדעס וואָרט און יעדער נאָמען פון יאַנעווע, אַזוי האָבן זיי פאַר מיר מעגלעך געמאַכט איך זאָל קענען דערציילן מיינע איבערלעבונגען, פאַר וועלכן איך בין זיי זייער דאַנקבאַר.

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק דעם חשובן דירעקטאָר פון יאַנעווער הילפס־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, פריינט נחום קאַמין, פאַר נעמען זיך די מי אַז די פאַרצייכענונגען זאָלן קענען דערשיינען אין בוך־פאָרם. און אויך פאַר זיין (קאַמינס) רעדאַקטירן דאָס בוך.

מיין בעסטן דאַנק מיינע לאַנדסלייט משה און רייזל געלטמאַן און אהרן האפער פאַר זייער גרויסן בייטראַג און שווערע אַרבעט פאַר דעם בוך.

מיין לאַנדסמאַנשאַפט דאַנק געהערט מיינע לאַנדסלייט משה לייזער רוזאל, פאַליק רוזאל, גרשון גרינשער, שמואל מאראוויץ, משה טוכשער, אברהם יעקב סוויצען, בעני פלאַנצענבוים, מיכל פאקסמאן, ניסקע מעלניצקי, יצחק פאַקסמאַן און חיים געלבאַנד פאַר זייער פינאַנציעלער מיטהילף.

אַ דאַנק מיינע פריינד און לאַנדסלייט דוד און מייטשע פינקלשטיין אין תל־אביב פאַר זייער וואַרעמען אָפּרוף פאַר דעם בוך.

דער מחבר

אַ וואָרט וועגן מחבר און זיין בוך

אונזער חשובער לאַנדסמאַן, מענדל ריבקאָווסקי, היט זיך זייער פאַרן חשד, פון — „דיכטער אָדער דערציילער". דערפאַר לאָזט ער וויסן אין זיין אַריינפיר־וואָרט, אַז ער באַציט זיך בשום אופן נישט אויף דער דאָזיקער פּרעטענזיע.

דער פאַקט איז, אַז לייענענדיק דעם מאַנוסקריפּט—מער ווי איין מאָל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַפילו אין זיינע פּראָזע־פאַרצייכענונגען, איז מענדל עכט פּאָעטיש — אַזוי, אַז וואָס מער מען לייענט — אַלץ ווייטער ווילט זיך לייענען. דער סטיל און דער ריטם איז אַזוי שטיל, סיסטעמאַטיש, פּונקט ווי דער שרייבער אַליין איז.

פאַר מענדלען איז זייער סימבאָליש אַז אין זיין שטאַרקסטער אויפרעגונג איז דאָס שאַרפסטע זידל־וואָרט ביי אים: „די אומפאַרשעמטע מענטשן"...

אונזער משפחה יאַנעווע, איז באַשערט געווען אַז די נשמה פונעם שטעטל זאָל גאַנץ בלייבן און פאַראייביקט ווערן. האָט די צייט אויסדערוויילט מענדלען, און אים פאַרטרויט די דאָזיקע אומגעהויער־פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע — און מענדל דער יתומל — האָט מיט דער גרעסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט די דאָזיקע הייליקע שליחות דורכגעפירט! — — —

„גאָט שיקט די רפואה פאַר דער מכה".

איז אין אַמעריקע געבוירן געוואָרן דער יאַנעווער פאַראייניקטער הילפס־קאָמיטעט.

זיין פּרינציפּ:

הילף פאַר אַלע יאַנעווער לאַנדסלייט אין יעדער געגעבענער און מעג־לעכער פאָרם; — ווער, ווען, וואו און אין וואָס איינער וועט זיך נויטיקן.

צו דעם דאַרף מען אָבער האָבן מיטלען, — איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער זשורנאַל — „יאַנעווע".

האָט דער זשורנאַל־קאָמיטעט באַשלאָסן אַז: — יעדער לאַנדסמאַן וואָס האָט און וויל עפּעס אָנשרייבן פאַרן זשורנאַל — זאָל דאָס זען צו טאָן; איז פון צווישן די סאַמע נייעסטע אַריבערגעקומענע לאַנדסלייט געווען אונזער זייער שטילער לאַנדסמאַן מענדל.

האָט ער אויף זיין שטייגער, מיט אַ זייער איינגעהאַלטענעם טאָן און בסוד־סודות איבערגעגעבן זיין ערשט ליד — „מיין סדר נאַכט".

און ווען דאָס דערמאָנטע ליד איז פאַרגעלייענט געוואָרן אויפן זשורנאַל־יום־טוב, איז דער גאַנצער עולם שטיל געבליבן פון טיפער באַגייסטערונג פון דער קלאָרער בילדלעכקייט און זייער פיינעם עכט־פּאָעטישן ריטם און ראַפּי־נירטן געבוי.

אין דער שטימונג פונעם וואונדערלעכן דראַמאַטישן מאָמענט — איז פאַר אונז אַלעמען געבוירן געוואָרן — מענדל — דער דיכטער!...

די צייט איז זיך געגאַנגען. מענדל האָט זיך געמאַכט פאַרגעסן אַז עפּעס איז געשען.

אָבער מיר האָט דער דאָזיקער מאָמענט געמאָנט און אונטערגעזאָגט, אַז: — „מענדל האָט אַ פאַרבאָרגענעם אוצר". גענומען זיך צו מענדלען:

פאַרשן ביי אים; און מאַנען ביי אים! — ביז מענדל איז מסכים געווען. — —
באַלד געבראַכט די גוטע בשורה צום הילפס־קאָמיטעט. און ווידער הויבט זיך אָן אַ סדרה: — צי איז דער מאַטעריאַל דרוקבאַר אין אַ בוך־פאָרם? און וואו נעמט מען די פינאַנציעלע מיטלען?

אָבער אַ קאָלעקטיוו מיט הויכן באַוואוסטזיין און גוטן ווילן קען אַלץ באַוויזן! און — דער נס איז געשען!... דורכן הילפס־קאָמיטעט איז אַנט־דעקט געוואָרן דער ערשטער יאַנעווער שרייבער, וואָס האָט באַשאַפן דעם ערשטן זאַמלבוך: „פאַרצייכענונגען און לידער".

און וואָלט דער יאַנעווער הילפס־קאָמיטעט מער גאָרנישט געטאָן, ווי נאָר באַוויזן אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן בוך — וואָלט ער שוין פאַרדינט די פולע רעכט פאַר זיין לעבן און אַרבעט!

חשובער מענדל! —

אונזערע וואַרעמסטע דאַנקען און העכסטע אנערקענונג דיר פאַר דער אומשאַצבאַרער מתנה. דו האָסט באַרייכערט אונזערע יאַנעווער מיט שטאָלץ און כבוד אומעטום!

זיי האַרציק געגריסט.

דיין אויפריכטיקער

נחום קאַמין.

דער לעצטער וועג

אין אַ האַרבסטיקן באַגינען
איז דאָס געווען.
געפֿאַלן זײַנען געלע בלעטער
פֿאַרטרערנטע מיט טוי.
דער טאָג האָט פֿאַר טרויער און ווײ
פֿאַרשטעלט זײַנע אַלע פֿאַרבן.
די זון נישט צו זען האָט געוואָלט
דעם מענטשן־ים
דעם מענטשן־ים שטאַרבן.

אין אַ טרויער־צוג אַ לאַנגן
אויף אײגענער לוויה
געגאַנגען זײַנען פֿאַרחלשטע לעבנס
אין שמאַטעס און אַטלאַס,
אין סאַמעט און צוויט
און אין וואָכעדיקער קלייד.
ווער מיט אַ טלית
און ווער מיט אַ ברויט,
ווער אין תּכריכים
גרייט שוין צום טויט.

רייען ווי טונקעלע כמאַרעס
געטריבן פֿון אכזר,
דער קבצן, דער נגיד,
דער חכם, דער נאַר,
דער טרעגער און דער סוחר,
דער זקן און דאָס זויג־קינד,

װאָס געזען האָט די װעלט
בלויז איינציקן טאָג —
געגאַנגען זיינען אין איינעם
דעם לעצטן װעג.

טרערן פון פאַרבאָרגענע קװאַלן
געלעכערט האָבן שטיינער און ערד,
נאָר דעם הימל נישט דערגרייכט
װאָס צוגעזען האָט
יסורים-געשרייען אויף ליפּן,
דאָס צעשייד-געװיין
מיט שטאָט און היים.
צעריסענע לייבער פון בלוטיקן פּיין,
װאָס נישט געװאוסט האָבן װאו
זייער קבר װעט זיין.

דעצעמבער 19, 1942

דאָס דריטע מאָל ווי איך פאַנג אָן שרייבן פון דאָס ניי.

מיט צוועלף יאָר צוריק איז פון מיר אַוועקגענומען געוואָרן דאָס בעסטע און טייערסטע, וואָס אַ קינד פאַרמאָגט — די מאַמע! טעג פול מיט טרויער און בענקשאַפט האָבן פאַרנעפּלט מיין קינדהייט. די רחמנות-געפילן צו אַ יתומל, וואָס מען האָט מיר געטאָן שענקען, האָט מיך מער דערווייטערט פון מענטשן. אפילו פון די נאָענטסטע. איינזאַם באַהאַלטן אין גאָרטן, אָדער אין פעלד, פלעג איך די אַלע עוולות און ווייטיקן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין מיין קינדעריש האַרץ, אָנגעטרויט בלעטלעך פּאַפּיר.

מיטן אָנפאַנג פון קריג, האָב איך ווידער געשריבן. צי האָט דען געפעלט וואָס?

ווי נאָר דער שמוציקער נאַצי-שטיוול האָט באַטראָטן אונזער שטעטל יאַנאָוו, האָט דער טויט גענומען שוועבן איבערן קאָפּ.ביים אַוועקרויבן אונזער ווינט-מיל, ווי נאָר איך האָב די זשאַנדאַר-מען דערזען, האָב איך גענומען זייטיק זיך אַרויסרוקן, האָבן זיי גע-פייערט אויף מיר מיט קוילן. דאָס זעלבע ביים אַוועקנעמען די לעצטע בהמה.

אין פרילינג פון 1940, בין איך פון די ערשטע יאַנאָווער יינגלעך אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ לאַגער אין ביאַלע פּאַדליאַסקי. די ערשטע נאַכט דאָרט האָט מען פאַר מיינע אויגן אומגעבראַכט צוויי מיידלעך און אַ מאַן, פון מעזריטש.

וואָכן לאַנג האָב איך דאָס טרויעריקע בילד געהאַט פאַר מיינע אויגן, וואָס עס האָט צוגענומען מיין שלאָף ביינאַכט. כ'האָב אַלץ געזען די צוויי מיידלעך זיך וואַרפן אויף דער ערד און רופן: מאַמע!

זעקס מאָנאַטן האָב איך געשמאַכט אין דעם ווידטן לאַגער. אַהיימקומענדיק האָב איך אַ פּאָר וואָכן בלויז געאַרבעט אין יאַנאָווער מאַגיסטראַט און שפּעטער אין דער קיך, וואָס איז איינגעאָרדנט גע-

וואָרן פאַר אָרעמע. ווייטער בין איך געוואָרפן געוואָרן פון לאַגער צו לאַגער: ראַקיטנע, ראַגאַזשניצע, קאַלאַדע, מאַלעשעוויץ און פּראַטילען. אמת, דאָס זיינען געווען בלויז אַרבעטס־לאַגערן, אָבער אויך דאָרט איז דאָס לעבן געווען הפקר.

די האָפענונג און גלויבן אין דער היים האָבן מיר געשטאַרקט און געגעבן מוט די אַלע ליידן אין די לאַגערן איבערצוקומען, אַפילו מיין צעבראָכענע היים מיט דער שטיף־מאַמע, וואָס איז געווען אַ באַזונדער קאַפּיטל אין מיין לעבן, אָבער דאָך אַ היים . . .

היינט שרייב איך ווידער. כ'האָב נישט מער קיין היים, און אויך נישט מער קיינעם אויף דער וועלט. וויסט איז מיין שטעטל יאַנאָווע, נישטאָ קיין זכר פון קיין ייד.

איך זיץ באַהאַלטן אין אַ שטאַל און טאָר נישט זען די שיין פון טאָג.

דער ערשטער טאָג היינט, ווי איך געפין זיך אונטער אַ דאַך, נאָך דעם אַנטלויפן פון טויטן־לאַגער (דעם לאַגער און דאָס אַנטלויפן וועל איך ברענגען אין באַזונדערע קאַפּיטלעך, אויב איך וועל קענען...)

איך לעב אפשר איינציקע מינוטן, ס'פעלט נאָר אַ שלעכטער מענטש זאָל מיך באַמערקן.

און דאַן וועלן בלוטיקע מערדער־הענט מיך פון דאַנען אַרויס־שלעפן. מיינע הענט וועלן זיך צום לעצטן מאָל באַוועגן — צו גראָבן פאַר זיך אַ גרוב . . .

דער טויטן־לאַגער

דעם ערשטן טאָג סוכות פאַרטאָג האָט מען אונז יאַנאָווער, צו־זאַמען מיט ביאַלער און קאָנסטאַנטינער יידן, אַרויסגעטריבן אויף דעם ביאַלער חזיר־מאַרק.

דאָס קליינע שטיקל וועג פון געטאָ ביז דעם מאַרק איז געוואָרן נאַס פון טרערן און בלוט, געפּלאַסטערט מיט יידישע קרבנות. די געוויינען און געוואַלדן האָבן געלעכערט די לופט.

ביים אַריינגאַנג אויף דעם מאַרק זיינען געשטאַנען די רוצחים און אָפּגעטיילט די מענטשן — וועמען צום טויט גלייך און וועמען

נאָך פייניקן. אין אַ ווינקל אויף דעם מאַרק האָב איך געזען גריבער. איין גרוב, צו וועלכער מען האָט צוגעפירט אַלטע און קאַליקעס. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַ רייע יונגע מענער. מיט מיר איז פאַר־פילט געוואָרן די צאָל 210. אויסגעשטעלט צו זיבן האָט מען אונז אָפּגעפירט אויף דעם ביאַלער פלי־פּלאַץ. דאָרט האָט זיך געפונען אַ לאַגער מיט 1500 מענער. אין דער גרופּע, מיט וועלכער איך בין געקומען, האָבן זיך געפונען 35 יאַנאָווער. דער יונגער רב, גרשון איינאָך,ביידע שוחטים: משהלע און נחום שמואל משהם איידעם.

ווי דער שטייגער פון יאַנאָווער זיינען מיר געוואָרן איין משפּחה. אין באַראַק האָבן מיר פאַרנומען אַ ווינקל, מען האָט דאָס גערופן דאָס יאַנאָווער ווינקל. מיר האָבן זיך געטיילט מיט יעדן ביסן צו קענען זיך האַלטן אויף די פיס.

גאָר שנעל האָט זיך צו אונז דערטראָגן די שרעקלעכע ידיעה, אַז ערב ראש־חודש חשון האָט מען אין טרעבלינקע אומגעבראַכט אונזערע פאַמיליעס. צוזאַמען האָבן מיר באַוויינט אונזערע קרבנות. שווער צו פאַרגעסן דעם קדיש פון משהלע שוחט פרייטיק צו נאַכט, קוואַלן מיט טרערן האָט ער פאַרגאָסן.

די אַרבעט אין לאַגער איז באַשטאַנען אין גראָבן און פלאַסטערן דעם פלי־פּלאַץ, וועלכן מען האָט אויסגעברייטערט. עסן זייער ווייניק. קלעפּ פון די אוקראַינער אין שוואַרצע מונדירן — זיי זיינען געווען אונזערע הערשער. געשלאָגן נאָר אין פּנים צו מאַכן זעבאַרע וואונדן. ווייל מיט יעדער קלענסטער וואונד האָט מען דערשאָסן. יעדן טאָג זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן אַכט־צען פּערזאָן די הענט געבונדן איינער צום צווייטן. אַזוי האָט מען אַרויסגעפירט דעם רב'ס זון יוסף לייב, ביידע שוחטים, אשר (קאָפּלס), אהרן שערמאַן האָט זיך אָפּגעריסן פון דראָט און איז אַנטלאָפן. ער וואַלגערט זיך אַרום ערגעץ.

מיט דעם אָנקום פון ווינטער האָבן מענטשן אָנגעהויבן שטאַרבן. איין פרימאָרגן, קומענדיק פון נאַכט־אַרבעט, האָב איך געטראָפן אויף דעם שנייַ ליגן: דעם רבס איידעם דוד און חיים גאַרבאַזש (לייבל גערשקעלעס זון). פון די 1500 מענער זיינען אין אַ פּאָר וואָכן פאַר־בליבן בלויז 134, יאַנעוואַר — 15 פּערזאָן. אויך האָט מען אונז מיט

אַ נאַכט צוריק אויסגעשטעלט אין דעם קאַלטן באַראַק און יעדערן באַזונדער איבערגעקוקט. מען האָט געקענט זען, אַז אויך אונזערע טעג זיינען געציילטע. איך בין געלעגן אויף דעם שמוציקן געלעגער און געמאַכט פּלענער פון אַנטלויפן. אָבער וואוהין גייט מען? אין דער יידן-שטאָט מעזריטש? ניין! דאָס איז אַ פּולאַפּקע אַריינצוכאַפּן די אַלע, וואָס אַנטלויפן פון די לאַגערן, פון די פעלדער און וועלדער.

מיין געדאַנק איז געווען צו גיין אין וואַלד, אָבער שניי און פראָסט, און וואָס קען איך אַליין אויפטאָן אין וואַלד? איך האָב באַשלאָסן טיילן זיך מיט מיין פּלאַן מיט וועמען פון די יאַנעווער.

דאָס אַנטלויפן פון לאַגער

שפּעט ביינאַכט, ליגנדיק אויף דעם געלעגער, האָב איך געהערט קלינגען דעם טעלעפאָן אין וואַרטע-צימער. איינער פון די שוואַרצע, וועלכער איז געלאָפן וועקן די צוויי דייטשן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם לאַגער. אין די נאַכט-וועש זיינען זיי אַרויס און באַלויכטן די בעטלעך מיט אַן עלעקטריש לעמפּל, געמאַכט זיכער צי אַלע געפינען זיך אויף די געלעגערס. מען האָט געקענט זען, אַז עפּעס גרייט זיך. זיי האָבן אָנגעצונדן די עלעקטריע און געמאָלדן, אַז נאָך האַלבער נאַכט וועט קיינער נישט קענען פאַרלאָזן דאָס געלעגער, און ווער עס דאַרף וואָס, קען דאָס טאָן אין צען מינוט. די געלעגנהייט האָט מיר געגעבן צייט זיך אָנצוטאָן. איך האָב אויך געזען דאָס זעלבע טאָן מיינע שכנים דוד גאָלדהאַמער, יצחק רובינשטיין און פאַליק שולמייסטער. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט די בליקן, אַז ווי שנעל עס וועט פינצטער ווערן אין לאַגער וועלן מיר אַרויס דורכן פענצטער, נעבן וועלכן אונזערע בעטלעך האָבן זיך געפונען. מיט קלאַפּעדיקע הערצער זיינען מיר געלעגן אונטער די קאָצן מיט שיך און אָנטאָן, ווען די וואַך האָט ווידער דורכגעזוכט די געלעגערס.

ווען דאָס ליכט האָט זיך פאַרלאָשן, האָבן מיר נאָכגעפאָלגט די טריט פון דער וואַך, און ווי שנעל זיי זיינען אַריין אין וואַרטע-צימער האָבן מיר אויפגעמאַכט דאָס פענצטער און אַרויסגעשפּרונגען. דאָס

פענצטער האָבן מיר צוריק צוגעמאַכט און געוואָרפן זיך אויף דער ערד, צוגעהערט זיך אין וועלכער ריכטונג עס שפּרייזן די וועכטער אויף דעם לאַגער. הויף די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע. מיר האָבן גאָרנישט געקענט זען. אויף די בייכער זיינען מיר צוגעקראָכן צו די דראָטן, וואָס האָבן ארומגענומען דעם לאַגער און מיט שווועריקייטן זיי דורכגעקראָכן. דאָן איז פאַר אונז אַנטשטאַנען דער פלי־פּלאַץ, וואָס איז אויך געווען באַוואַכט און אַרומגעצויגן מיט אַ הויכער דראָטן־צוים. קענענדיק גוט דעם פּלאַץ, זיינען מיר אַוועק אין דער ריכטונג פון דער באַן־ליניע, וואָס איז ווייט אַוועק פון די הייזער, וואָס זיינען געווען באַזעסן מיט מיליטער. מיט דער הילף פון דער פינצטערניש איז אונז געלונגען אויסצומיידן די אַלע וואַכן און אַדורכגיין דעם דראָטן־צוים.

דאָס ערשטע וואַנדערן

אַוועק פון לאַגער בשלום. מיר אָטעמען פרייער, אָבער די געפאַר איז ווייטער גרויס. דער אָנפאַנג איז אַדורך גוט, אומבאַמערקט זיינען מיר אויך אַדורך די באַן־רעלסן און פאַרנומען זיך צום דאָרף שידארקע, 7 קילאָמעטער פון ביאַלע. מיר האָבן אויסגעמיטן דאָס דאָרף און מיט שנעלע טריט געשפרייזט צום טייך, וואָס מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין אין אַנטלויף. און דאָ אַ גרויסע איבעררואַשונג: מיר זיינען אויף דער בריק. דוד זאָגט: „מלאכים פירן אונז". מיר דריקן זיך צוזאַמען און גייען ווייטער. די פינצטערע נאַכט, וואָס איז ביז איצט געווען אונזער פריינט, פאַרשטעלט אונז איצט דעם וועג. מיר שלעפּן זיך אין זומפּן ביז טאָג. שטיל אַרום. מיר זעען בלויז קשאַקעס פון ווייט. ביי די קשאַקעס האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ קליין שטיבל. יצחק איז צו צום פויער פרעגן, וואו מיר געפינען זיך און דעם וועג צום ראָקיטנער וואַלד. ער איז געקומען צוריק מיט אַ שטיקל ברויט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אונטערגעהאַלטן. מיר האָבן זיך געפונען צוויי קילאָמעטער פון בריסקער שאָסיי. אויף דעם בריסקער וועג אַ גרויס באַוועגונג פון מיליטער, נישט ווייט אַרבעטן רוסישע געפאַנגענע ביים צענעמען אַ לאַגער זייערן. עס איז אַ געפאַר דורכצו־

גיין דאָס שטיקל וועג. מיר באַשליסן צו בלייבן אין די קשאַקעס ביז די נאַכט וועט צופאַלן. איינגענורעט זיך איינער אין צווייטן אויסצוטריקענען די נאַסע זאַכן. קאַלט. עס קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

מיר ווערן נאַכט-שאָטנס, טאָרן נישט זען די שיין פון טאָג. מיר הויבן אָן מקנא זיין יעדער באַשעפעניש, הגם זיי האָבן אויך שונאים, אָבער ווען זייער שונא ווערט זאַט, דאַן איז די געפאַר קלענער. נאָר מיט אונז קענען זיך די מערדער נישט אָנזעטיקן. דער אַפּעטיט וואַקסט וואָס אַמאָל גרעסער.

נאַכט. מיר גייען ווייטער. צום ראַקיטנער וואַלד איז בלויז 5 קילאָמעטער. אַ דראַבנער רעגן פאַנגט אָן אונז באַגלייטן.

ביים וואַלד זיינען געשטאַנען אַ פּאָר הייזער, אין וועלכע עס איז נאָך געווען פייער. יצחק איז אַריין אין אַ שטוב קויפן ברויט, האָט מען אים אַרויסגעטריבן, אין דער צווייטער האָט מען זיך געהייסן צאָלן מיט זייף. דוד האָט געהאַט מיט זיך אַ שטיקל זייף, האָבן מיר געקריגן אַ פונט ברויט דערפאַר.

אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר אַרומגעגאַנגען אין וואַלד און פאַר־נאַכט אָנגעקומען קיין סערווין. ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער, איז יצחק אַריין צו אַ פּויער און געבראַכט ברויט מיט קאַרטאָפל. דאָס ערשטע מאָל אין מאָנאַטן אָפּגעגעסן צו דער זאַט.

מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער נאַסער גראָז און געדאַנקט גאָט דערפאַר.

שוין אַ קרבן

אויף דער צווייטער נאַכט האָבן מיר זיך צעשיידט. מיינע חברים האָבן געדענקט פון אַ קריסט, וואָס וועט זיי האַלטן. פאַר־שטענדלעך, אַז איך האָב נישט געקענט מיטגיין. מיר געזעגענען זיך אויף דעם האַלאַדניצער וועג, דריי קילאָמעטער פון יאַנעווע.

איך שרעק זיך אַריינצוגיין אין שטאָט, הגם איך בין זיכער, אַז מיט דעם הינטער-וועג וועל איך נישט טרעפן קיין דייטשן, אָבער די מורא פאַר די אייגענע שכנים . . . איז גרעסער. מיט די פעלדער

ביי דער שעכט־הויז בין איך אָנגעקומען צו דער וואוינונג פון דעם קריסט, ביי וועמען איך האָב געוואוינט פינף יאָר

דאָס הארץ פלאַצט פון ווייטיק. אין שטוב איז ליכטיק און פרייד־לעך, געטראָגן האָבן זיך טענער פון מיין מאַנדאָלינע. געשפּילט האָט ווער אויף איר. איך שטיי הינטער דער וואַנט א הונגעריקער, גע־פרוירן פון קעלט.

אין שטוב קען איך נישט אריינגיין. עס האָבן זיך דאָרט געפונען פרעמדע . . . איך קען זיי און זיי מיר, זיי האָבן געגעסן און גע־טרונקען אין אונזער הויז, אָבער היינט טאָר איך זיך נישט ווייזן פאַר זיי.

איך קען אויך נישט לאַנג אַזוי שטיין, געקענט האָט ווער אָנ־קומען. אריין בין איך אין שטאַל פון חזירים און אַוועקגעלייגט זיך נעבן זיי.

א פאַרגעניגן אויף טרוקענער שטרוי, עס איז אויך וואַרעם דאָ... אָבער באַלד דערשפּירט מיך א הונט און האָט אויפגעהויבן זיין הויך קול. ווי קומט מיר אַזאַ פאַרגעניגן ?

איך בין דאָך איצט ערגער פון אים . . . און באַלד איז ווער אָנגעקומען (נישט פון די אייגנטימערס) און געפרעגט, ווער דאָרט איז ? איך האָב א שטויס געטאָן די טיר און ארויס פון שטאַל. גע־לאָפן בין איך אָן א ציל און דערגרייכט דעם קלאַניצער וואַלד.

א טויט־מידער בין איך געפאַלן אויף דער ערד. איינגעגאָרעט זיך אין מאַנטל, געשלאָפן ביז גרויסן טאָג.

אויפגעוועקט האָבן מיך שאָסן פון ביקסן, וואָס זיינען געפאַלן נאָענט. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו זען, וואָס עס קומט פאַר ארום מיר.

ווי גרויס איז געווען מיין איבערראַשונג צו זען אין וואַלד לויפן יצחק רובינשטיין. פ־ס־ס (דאָס איז געווען אונזער צייכן), איז ער שטיין געבליבן און געקוקט מיט וואונדער אויף מיר. ביי יעדערן פון אונז איז געשטאַנען די פראַגע, וואָס האָט פּאַסירט ?

אָט וואָס ער האָט דערציילט :

דער קריסט, צו וועמען זיי זיינען געגאַנגען, האָט זיי איבער דער שוועל נישט דורכגעלאָזט. זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין

וואַלד. ביים דאָרף קלאַניצע האָט זיי ווער געוואָלט פאַרהאַלטן, לויפנדיק אין דער פינצטערער נאַכט, האָבן זיי פאַרלוירן דודן, נישט וויסנדיק וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. זיי ביידע זיינען די נאַכט איבערגעזעסן אין וואַלד. באַגינען זיינען זיי געגאַנגען צום דאָרף זוכן עסן און זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער ראַקיטנער פּאָליציי. זיי האָבן ביי זיי צוגענומען דאָס געלט, געבונדן די הענט מיט אַ שטריק און געשטויסן זיי אויפן וואָגן. זיי האָבן נישט גע־וואָלט אַרויף, געבעטן זיי שיסן אויפן אָרט, נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. אַזוי אַמפּערנדיק זיך, האָט זיך יצחק אָפּגעריסן פון שטריק און אַריין אין וואַלד. דאָס שיסן, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט, איז געצילט געווען צו אים. פאַליק איז געפאַלן אַ קרבן.

צוויי טעג זיינען מיר צוזאַמען געזעסן אין וואַלד. עס האָט אָנגעהויבן פרירן, נישט געהאַט קיין געלט צו זוכן וואו אַ שטיקל ברויט. נישט קענענדיק לענגער בלייבן אין וואַלד, האָבן מיר זיך פאַרנומען קיין יאַנעווע און ווידער באַזונדער.

אין מיין בעט אויף שעה'ן

ענדלעך האָב איך זיך דערשלאָגן צום קריסט, ביי וועמען איך האָב געוואוינט. פון בלייבן ביי זיי קען קיין רייד ניט זיין. זיי האָבן מורא, זיי זיינען יונג און ווילן אויך לעבן . . . איך קען דאָ בלייבן איבער נאַכט. איך בין אַריין אין מיין צימער און געפאַלן אויף מיין בעט, וואָס איז געשטאַנען אַזוי ווי איך האָב זי פאַרלאָזן מיט דריי מאָנאַטן צוריק. איך האָב זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיר לאָזן אַליין.

איך בין געלעגן אויף דער בעט און צוגעהערט זיך צו דער שטילקייט פון דעם צימער. פאַר מיינע אויגן זיינען דורכגעלאָפן צענדליקער פערזאָנען, וואָס האָבן אין דעם צימער מיט מיר פאַר־בראַכט. ווי אין אַ גאָרטן פון ווייסע כריזענטעמעס, וועלכע כ'האָב אַליין געפלאַנצט. אַלץ איז דאָ אַזוי ווי געווען. נאָר די מענטשן זיינען נישטאָ מער — און וועלן שוין מער קיינמאָל ניט זיין . . . איך בלעטער דורך — איך וויל איבערלעבן אין געדאַנק די אַלע צייטן,

וואָס איך בין אין דעם צימער דורכגעגאַנגען. דאָס צימער איז געווען מיין טעאַטער, מיין טאַנץ־זאַל, ווי אין אַ קליין שטעטל, וואו עס פעלן עפנטלעכע פאַרוויילונגען.

איך האָב געציילט די מינוטן, ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט, וואָס ווייסט די שעה פון שטאַרבן.

אין איינינקע שעה׳ן אַרום דאַרף איך פון דאַנען אַוועקגיין, אפשר אויף שטענדיק. זייער אַ פיינלעכער מאָמענט. עס קומט אַריין סטעפאַן, וואָס איז אין דעם זעלבן עלטער ווי איך. זעענדיק מיין צושטאַנד, האָט ער אַראָפּגענומען פון וואַנט די מאַנדעלינע און גענומען שפּילן (איך פלעג דאָס טאָן אין געוויסע צייטן, ווען עס פלעגט מיר זיין טרויעריק אויפן האַרצן(, אָבער איצט האָבן די טענער צעריסן מיין האַרץ אויף שטיקער. איך האָב אים געבעטן ער זאָל אויפהערן. ער האָט מיך באַדויערט, טרערן האָב איך באַקומען אין די אויגן.

12 ביינאַכט. איך שלאָף נישט. איך ליג אויף אין וואַך. איך דאַרף דאָך באַלד גיין פון דאַנען. איך זע מיינע נאָענטע, וואָס האָבן זיך געבעטן ביי מיר ביים פאַרלאָזן יאַנעווע: „גיי נישט מיט אונז, בלייב ביי די קריסטן, זאָל כאָטש איינער לעבן בלייבן פון אונז״. אָט בין איך ביי זיי, און וואָס דערפון? . . .

אונטער אַ דאַך

נאָך אַ פּאָר טעג אַזוי אַרומקריכן האָב איך ענדלעך געקראָגן אַ דאַך איבער מיין קאָפּ. די קריסטין מאַיעווסקאַ האָט מיר דערלויבט אַריין אין אַן אַלט הויז, וואָס איז נישט באַוואוינט פון קיינעם.

שפּעט ביינאַכט בין איך געקומען צו דעם הויז אויף דער סטאָ־דאָלנער גאַס. אַן אַלטע פויערשע כאַטע, צוזאַמען מיט אַ שטאַל, אַ שטרויענער דאַך, וואָס האַלט ביים איינפאַלן.

איך בין אַרויף אויף די שטאַפּלען און אָפּגעריסן אַ פּאָר בינט־לעך שטרוי פון דאַך, און אַזוי אַרום אַריינגעקראָכן אינעווייניק.

מיין וואוינאָרט האָב איך געמאַכט אין שטאַל. אַזוי האָט מיר די קריסטין אָנגעוויזן צו טאָן. אין פאַל ווען מען וועט מיר דאָרט

געפינען, זאָל דאָס הייסן, אַז זי וויסט פון גאָרנישט. איך בין אַליין אַריין.

איך ליג איינגעגראָבן אין דער שטרוי און ריר זיך נישט פון אָרט. דאָס הויז שטייט אין אַ ראָג פון צוויי גאַסן. אַ גאַנצן טאָג שטייען דאָ מענטשן ביי דער וואַנט און ריידן. שלעכטע שכנים. איך בין דאָ שוין דעם צווייטן טאָג אָן וואַסער. איך ווייס נישט ווי אַזוי פון דאַנען אַרויסצוקריכן און עפּעס זיך שאַפן. איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס אָנצופאַנגען.

דעצעמבער, 28

אַן אומדערוואַרטעטער גאַסט

שניי און פראָסט. שווער פון דאַנען אַרויס. אויף דעם שניי וועלן ווערן שפּורן. מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איידער דער שניי איז אָנגעפאַלן, בין איך ביינאַכט אַרויס און געשאַפן זיך אַ שטיקל ברויט מיט אַ פלאַש שוואַרצע קאַווע.

איך האָב גענומען דאָס געפרווירענע ביסל קאַווע אין פלאַש און איינגעוויקלט דאָס אונטער מיין מאַנטל עס זאָל צעגיין. דאַן האָב איך דערהערט שליסן די טיר פון שטאַל.

ווער קען דען צו מיר קומען אַחוץ מערדער ? . . .

צו מיין גרויסער איבעראַשונג איז אַריין אַ שיין שוואַרץ-חנ'עווּדיק מיידל, די אייגנטימערין פון דעם הויז, וואָס אַליין וואוינט זי אין גוט פּראָטילען, 15 קילאָמעטער פון יאַנעווע. זי איז ספּעציעל געקומען צו מיר מיט אַ פּעקל שפּייז.

צי קען ווער אָפּשאַצן דאָס גוטסקייט פון דעם מיידל ?

צו ריזיקירן דאָס אייגענע לעבן פאַר אַ מענש — ניין! איך בין דאָס נישט איצט. איך בין נידעריקער פון דער שפּין, וואָס קריכט אויף דער וואַנט, ווען זי איז זייער הויך, פוילט מען זיך . . . און מען לאָזט זי אַזוי פריי קריכן, אָבער ווען מען דערזעט אַ יידן, יאָגט מען זיך נאָך אים מיילן און מען שלעפּט אים אין די הענט פון די רוצחים. אָבער די נאַטור לאָזט אויך אַמאָל וואַקסן אַ בלום צווישן דערנער.

— זיי פֿאַרזיכטיק! — זאָגט זי. — ווי ווייט איך וועל קענען, וועל איך דיר העלפֿן.

— אירע ווערטער האָבן געוואָרפֿן אַ שיין אין מיינע פֿינצטערע טעג.

דעצעמבער, 30.

ווידער מיין באַזוכערין

עס איז צו באַוואונדערן דעם אויפֿטו פֿון דער קריסטלעכער מיידל. די נאַכט האָב איך געהערט גראָבלען זיך ווען מען ביי דער פֿאַדוואָלע־נע, נאָכהער האָט מען אָנגעקלאַפּט אין וואַנט און מען איז אַוועק. ווען עס איז שטיל געוואָרן, בין איך אַראָפּ פֿון דער שטרוי זעק, וואָס מען האָט דאָרט געטאָן. אין דער פֿינצטער האָב איך געפֿונען דורך דער פֿאָדוואָלינע אַריינגעוואָרפֿן צוויי פֿלעשער וואַרעמע זופּ. צו איין פֿלאַש איז געווען צוגעבונדן אַ בריוול. איך האָב קוים זיך דער־וואַרט עס זאָל ווערן טאָג און זען וואָס זי שרייבט:

„איך נוץ אויס די געלעגנהייט פֿון מיין ווײַלן אין שטאָט צוליב זיכערקייט קום איך ביינאַכט. פֿאַרגיב מיר, וואָס די זופּ איז אין פֿלעשער. איך געפֿין זיך ביי מיין שוועסטער, וועלכע ווייסט נישט פֿון דיין זיין דאָ. איך האָב נישט געקענט נעמען קיין אַנדער כלי. זאָל זיך דער הער נישט שרעקן, מאָרגן קום איך ווידער. ביטע צע־רייסן דאָס בריוול".

עס מאַכט גוט אַ פֿלאַש וואַרעמע זופּ, ווען מען ליגט אויף דער קעלט, אָבער נאָך בעסער פֿיל איך, אַז איך האָב ווענען אויף דער וועלט, וואָס איך טו אינטערעסירן.

1 יאַנואַר, 1943.

ניי־יאָר

איך באַגעגן דאָס ניי־יאָר אין פֿינצטער און אין קעלט, איינזאַם און אין אַ פֿאַרלאָזטער שטאַל. אָן אַ שום וואונטש און באַגער. אָן

איינגעדרייטע בינטל ביינער, פון וועלכן עס טראָגט זיך בלויז אַן אָטעם. אין שמוץ און אין ברוד.

איך הער דורך דער וואַנט פרייען זיך לכבוד ניי־יאָר. מען ווינטשט זיך דאָס בעסטע. קולות פון איבערגעטרונקענע, שיסערייען פון די מערדער.

אין מאַראַוווסקעס הויז, שכניש פון מיר, וואוינען נאַצים. זייער פרי האָבן זיי אָנגעפאַנגען דאָס טרינקען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געשפּרייזט ביי מיין וואַנט מיט די ווילדע געשרייען.

אויך זיי האָבן זיך געוואונטשן: — צו דערגרייכן מאָסקווע.

איך האָב געעפנט דאָס מויל און מיט זיי נאָכגעזאָגט: טרעפן זאָל דאָס יאָר אייך ווי אַ פאַרגיפטעטע פייל.

פאַרוויסט זאָלן אייערע היימען ווערן, ווי איר האָט פאַרוויסט אונזערע.

12 יאַנואַר.

אוי, דער פראָסט!

פינצטער איז מיין גורל. אַלץ האָט מיך פיינט. אַפילו די נאַטור האָט זיך אויף מיר צעבייזערט. 23 גראַד פראָסט (איך הער דורכגייער דאָס זאָגן). דער גאַנצער קערפּער ברענט. איך פיל נישט די פיס. די הענט זיינען ווי העלצער.

צוועלף טעג אָן וואַרעם וואַסער.

ליכטיקע נעכט ווי ביי טאָג. איך קען נישט אַרויסקריכן פון שטאָל. מען דערקענט פון ווי ווייט.

איך וואַרט, איך ווייס נישט אויף וואָס.

ניין, איך קען נישט מער שרייבן.

13 יאַנואַר.

אין קאַמף פאַר לעבן

אַ האַלב געפרוירענער האָב איך נעכטן אָוונט פאַרלאָזט די שטאָל. געגאַנגען אָן אַ ציל, קיין זאַך איז מיר שוין נישט אָנגעגאַנגען. כ'האָב געפילט, אַז דאָס איז דער סוף.

צום לעצטן מאָל האָב איך געוואָלט אַ קוק געבן אויף אונזער הויז, וואָס איז מיר אַזוי ליב געווען.

און אפשר אויך מיין יונגן קערפּער אויף אייגענער ערד לייגן.

איך בין געשטאַנען אויף דעם הויף און געקוקט אין די פענצטער אויף די שוועבנדע שאָטנס דאָרטן פון די שונאים, וואָס האָבן אונז פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן מיט אַ יאָר צוריק. כ'האָב געפילט מיט די געפרווירענע הענט אַריין אין די שויבן און זאָגן זיי: איר האָט צעראַבעוועט אונזער גוטס, טאָ נעמט אויך מיין בלוט שוין דאָס לעצטע און זאָל עס אייך דערטרינקען.

פלוצלונג האָט ווער אַ רוף געטאָן מיין נאָמען. געווען איז דאָס טאָדעק, דער נאָענטסטער שכן אונזערער און אויך מיין שול־חבר.

— וואָס טוסטו דאָ ? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס נישט ! — האָב איך געענטפערט.

אַ פאַרלאַנג צו לעבן און נקמה נעמען אין די אַלע האָט זיך אין מיר דערוועקט.

— ווער איז דאָ ביי אייך אין שטוב — האָב איך אים געפרעגט.

— מיין מאַמע בלויז.

— קען איך אַריינגיין ?

ער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר געגאַנגען פאַראויס.

ווי אויף פרעמדע פיס בין איך אין שטוב אַריין.

ער האָט פיל געאַרבעט אַרום מיר ביז איך בין צו זיך געקומען. קאָלטע מאַסאַזשן פון שניי צום פנים, הענט און פיס מיר געלעגט.

מיין אויסזען האָט זיי געשראָקן.

— וואָס פון אַ מענטש קען ווערן ? . . .

זיין 15 יאָריקע שוועסטער האָט מורא געהאַט אויף מיר צו קוקן.

ווען איך האָב געבעטן אַ שפּיגל — בעסער טו דאָס נישט! — האָט מען מיר געענטפערט.

און איצט, פרי־מאָרגן, טו איך אַ צווייטער פאַר זיי דערשיינען.

— אַך גאָט ! איין נאַכט בין איך געווען אין מעגלעכע באַדינגונגען — און אַזאַ ענדערונג.

פיר מאָנאַטן אין קיין וואָרעם הויז נישט געווען. נאָך פיר וואָכן האָב איך זיך היינט דאָס ערשטע מאָל אַרומגעוואַשן און זיך ראַזירט.

די שטוב שטייט אָן אַ זייט. קיינער קומט נישט אַריין. איך באַוועג זיך פריי אין קיך.

איך פּרואוו בעטן מען זאָל מיר לאָזן דאָ זיין איבער די פרעסט. זיי האָבן מורא — זאָגן זיי. זיי גיבן מיר אַ פּאָר וואַרעמע זאַכן און גרייטן מיר צו אויף ביינאַכט אין וועג.

די זון טוט זיך זעצן און באַלד וועט זיך ענדיקן מיין אַזוי קורצער פאַרגעניגן.

21 יאַנואַר.

הונגער, ווייטיק און קעלט

שוין דער צווייטער טאָג, ווי איך בין אָן ברויט. איך געפין זיך אין אַן האַפנונגסלאָזן צושטאַנד.

מיט דעם נאָכלאָזן פון די פרעסט האָב איך באַקומען וואונדן אויף די פיס. זיי זיינען שטאַרק געשוואָלן. צוויי פינגער פון דעם רעכטן פוס זיינען צענומען פון די גלידער. די ביינער צעפאַלן. איך קען נישט גיין. עס ווייטיקט שטאַרק. איך ליג אין דער שטרוי איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע, וואָס דער שכן טאַדעק האָט מיר געגעבן.

איך קען נישט מער פאַרלאָזן די שטאָל צו שאַפן עפּעס עסן, אָדער אַ שמירעכץ צו די פיס.

איך האָב היינט געפּרואווט אַ פּאָר מאָל אויפשטעלן זיך, אָבער איך קען נישט.

אַ שווערער דריילינג: הונגער, ווייטיק און קעלט.

און אפשר איז אַזוי גלייכער. ווען איך האָב געקענט גיין, פלעגט מיר דער הונגער שטויסן, בין איך פון צייט צו צייט אַרויסגעקראָכן נאָך אַ שטיקל ברויט.

מיט יעדן גאַנג שטעל איך איין דאָס לעבן, און דאָס געבעטלטע שטיקל ברויט פאַרלענגערט מיינע צרות. קיין לעבן זע איך נישט פאָר.

29טער יאַנואַר.

אַדיע דער וועלט

איך געזעגן דיר וועלט! מער האָב איך נישט קיינעם. מיין שווארצינקע? צו איר וועל איך שרייבן באַזונדער אין איר שפּראַך. גאַרנישט האָב איך אין מיין לעבן גענאָסן. אין רעכטער בליאונג ווער איך פאַרשניטן. איך ענדיק מיין לעבן אין די שווערסטע ליידן. וואָס קען זיין ערגער פון הונגער־טויט. שוין פינף טעג ווי איך האָב גאָר־נישט געגעסן. שוין דריי מאָל היינט דעם באַוואוסטזיין פאַרלוירן, און שוין נישט לאַנג ווי איך וועל באַפרייט ווערן פון די ליידן. זייער אַ שווערער טויט, אָבער פיל בעסער ווי אומצוקומען פון די רוצחים.

איינזאַם אין אַ פאַרלאָזטער שטאָל טו איך אויף דעם טויט וואַרטן. עס טוען זייער פיל מענטשן נעבן מיר דורכגיין. עס טיילט מיר פון זיי בלויז איין דינע וואַנט. מענטשן? — וואָס גייען זיי מיר איצט אָן אָט די טייוואָלים אין מענטשלעכן געשטאַלט? ווען זיי זאָלן וויסן, אַז איבער דער וואַנט ליגט אַ שטאַרבנדיקער און צייכנט זיין לעצטן מאָמענט, וואָלטן זיי מיר דאָס אויך נישט פאַרגונען . . .

דער זייער קליינער פּראָצענט איז אומבאַהאָלפן. און וואָס קען איך נאָך זאָגן? און וועמען?

יאָ, — איך וויל בעטן:

אויב עס וועלן אַמאָל די ווערטער דערגרייכן אַ אידישע האַנט, זאָל מען מיין פאַרפוילטן קערפּער, וואָס וועט וואַרשיינלעך זיין באַ־גראָבן אין דער שטאָל, איבערטראָגן אויף אַ געהעריק אָרט.

איך דאַנק די מענטשן פאַר זייער באַמיאונג.

זייט געזונט, יידן, און ווייסט נישט מער פון אַזאַ חורבן.

אין שווערע ליידן צייכן איך מיין נאָמען: מנחם בן שמחה הכהן.

1טער פעברואַר.

מיין רעטערין

דער גורל וויל איך זאָל זיך נאָך מאַטערן. ווייל קיין לעבן זע איך נישט פאַר, איז מיין שווארצינקע געקומען אין דער ריכטיקער צייט.

זי האָט געעפנט די טיר און געפרעגט, צי איך לעב. איך האָב נישט געענטפערט, ווייל איך האָב שוין נישט געקענט ריידן. זי איז אַרויף אויף דער שטרוי און געזען מיין צושטאַנד. זי האָט גלייך אַראָפּגענומען פון דעם זעקל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט, אַ פלאַש וואַרעמע מילך און געגאָסן אין מיין מויל.

טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

„גאָט, וואָס פאַרא צייט ס'איז געקומען? וואָס טוט זיך אויף דער וועלט? איך זאָל מורא האָבן פאַר מיינע שכנים צו קומען און לאָזן דיר שטאַרבן דאָ פון פראָסט און הונגער".

זי האָט דאָס אַ פּאָר מאָל איבערגעזאָגט.

זי איז נישט אַוועק פון שטאַל ביז כ'האָב איר געקענט ענטפערן אַ פּאָר ווערטער.

ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך באַטראַכט דעם פוס. איך האָב אָפּגעריסן אַ שטיקל העמד, איינגעטונקען דאָס אין מילך און צוגעלעגט דאָס צו די פינגער, וועלכע כ'האָב איינגעבאַנדאַזשירט מיט העלצלעך — דאָס זאָל צוזאַמענהאַלטן די גלידער.

6טער פעברואַר.

דער קראָקאָווער אַדוואָקאַט

דער אויפּטו מיט דער פוס האָט זיך איינגעגעבן, ס'איז אַרויף ווילד-פלייש און דאָס האַלט צוזאַמען די ביינער. די נאַכט בין איך אַרוים פון שטאַל צו אַ באַקאַנטן אַדוואָקאַט, וואָס וואוינט זיבן הייזער אַוועק פון מיין שטאַל. דאָס איז מיין ערשטער וויזיט ביי אים.

ער איז נישט קיין יאַנעווער, אַן אַנטלאָפענער פון קראָקע פון די נאַציס. מיר האָבן זיך באַפריינדעט. איך האָב פון צייט צו צייט דאָרט גענעכטיקט, ביי אַבלאָווען וואָס מען פלעגט מאַכן צו כאַפּן יידן אין די לאַגערן.

ווען איך האָב געעפנט די טיר, איז ער אויפגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער. איך ווייס נישט צי מיין אויסזען האָט אים דערשראָקן, אָדער דער שאָטן פון אַ ייד? . . . אָבער ער האָט מיך

גאַנץ פריינדלעך אויפגענומען פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב אים נישט געקענט זאָגן וואו איך געפין זיך. כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל מיר קויפן אַ זאַלב צו די פיס. צוליב פאַרזיכטיקייט האָב איך געזאָגט, אַז איך בין אין וואַלד און וועל קומען נאָך דעם זאַלב אין צוויי טעג אַרום. ער האָט מיר געלאָזט זיין אין שטוב אַ ווײַלע, איך זאָל זיך דערוואַרעמען.

מיט אַ גאַנץ ברויט אונטער מיין מאַנטל, האָב איך פאַרלאָזט זיין הויז.

15טער פעברואַר.

וואַסער פון דער קאַרעטע

מיין לאַגע האָט זיך אביסל פאַרבעסערט. איך האָב באַקומען פון דעם אַדוואָקאַט אַ גוטן זאַלב צו די פיס, עס היילט זיך צוביס־לעך.

נישטאָ מער קיין פרעסט, פינצטערע נעכט. זייער לייכט אַרומ־צוקריכן פון שטאַל. עס זעט מיר קיינער נישט. וואַסער האָב איך אויך. איך האָב אַנגעטראָפן אויף אַ שכניש פאַדוואָר אַ קאַריטע, פון וועלכער בהמות טרינקען. איך קום שפּעט ביינאַכט מיט פלעשער און באַזאָרג זיך מיט וואַסער אויף אַ פּאָר טעג.

די שטומע בהמות מוזן וויסן, אַז ביינאַכט קומט אַן אומגליקלע־כער לעשן זיין דאָרשט, לאָזן זיי איבער וואַסער און זייער פיל.

נאָך צוועלף וואָכן האָב איך היינט געטוישט וועש. איך האָב דאָס באַקומען פון דער קריסטין, וואו איך האָב געוואוינט. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש די פסיכאָלאָגיע פון די פויערים: גייט דער דייטש פאַראוים, לאָזן זיי נישט אַריבער די שוועל. ליידט ער מפּלות, איז זייער באַציאונג אַ גאָר אַנדערע. איך בין שוין זייער לאַנג נישט געווען ביי זיי. זיי פלעגן מיר נישט גערן זען. די נאַכט האָבן זיי מיך זייער פיין אויפגענומען. מען האָט מיר אַריינגעבעטן אין מיין געוועזן צימער און געפרעגט, אפשר וויל איך עפּעס פון מיינע וועש, וועלן זיי מיר געבן . . . זיי האָבן דאָס נישט געטאָן ביז איצט, הגם

זיי האָבן געזען מיר קומען פון לאַגער אָן גאַרנישט. צוועלף וואָכן האָבן זיי געוואַרט אָפּצוגעבן צוויי פּאָר וועש פון דעם פולן שופלאָד, וואָס איך האָב דאָרט געלאָזן. ביים אַוועקגיין האָבן זיי געזאָגט: איך האָב פיל האָפענונג איבערצולעבן . . . דער דייטש ליידט גרויסע מפּלות.

18 פעברואַר,

אַ שלעכטע וואָך

רעגנדיקע נעכט און אויך פינצטער. איך נוץ אויס די געלעגנהייט און קריך אָפּטער אַרויס פון שטאַל עפּעס זיך דערוויסן. אָבער די נייעס מאַכט ווייטיקן מיין האַרץ. די טייוואָלים האָבן די וואָך שטאַרק געווילדעוועט אין יאַנאָווע. עס זיינען אַ סך געפּלאָגטע יידישע לעבנס פאַרשניטן געוואָרן. דער יאַנעווער בית־עולם איז רייכער געוואָרן מיט קברים פון:

חיים שערמאַן מיט זיין ווייב ברכה וויינטרויב. זיי זיינען אויס־געבן געוואָרן דורך דער קריסטין שעהן. זי האָט זי געהאַלטן ביז זי האָט פון זיי אַלץ צוגענומען און שפּעטער זיי אויסגעגעבן און פּטור געוואָרן פון זיי.

יצחק רובינשטיין, פאַרהאַלטן פון אַ פּאָלעווער פּייערלעשער וואָורינויק.

הײדל סעגאַל (אַנשעלעס) — פון פּוילישער פּאָליציי.

שלמה קויפמאַן (פּאַל נשמה) — פון אַ באַנדע קינדער.

דאָס איז דער סך־הכל פון דער וואָך. און גרויס איז אויך די צאָל פון די פריערדיקע וואָכן. און אַלע זיינען זיי אומגעקומען מיט דער הילף פון פּוילישע הענט.

אביגדור רוזאַל (אהרן רוזאַלס אייניקל) — פון פּייערלעשערס.

חיה לאה דעם דרימניאַקס מיט איר קינד — פון פּאָלעווער פּייערלעשערס.

אברהמקע דעם שוסטערס ווייב און טאָכטער — פון פּאָלעווער פּייערלעשערס.

פּנחסעם דריי זין — אין אַ בונקער, דערשאָסן דורך גראַנאַטן

פון דער פוילישער פּאָליציי. אהרן שערמאַן — פון אַ פּויער וואויצימשיוק אין דאָרף ראָמאַנאָווע. ער איז אויך געווען אין דעם בונקער. ער איז אַנטלאָפן געוואָרן נאָכן ווערן פאַרוואונדעט. מיט אים איז אויך געווען פּנחסעס יינגסטער זון, מאָטל. אהרן איז אַריין מאַכטלאַז צו אַ פּויער, וואָס האָט אים גלייך אָפּגעפירט צו דער פּאָליציי קיין יאַנעווע. אברהם רוזאל (הערשל דעם וואָנס זון), משה ערליך (פּייגע משיזשעס) — פון פוילישער פּאָליציי. שאַמעס ווייב (יאָסל דעם רימערס טאָכטער) האָט אַ פּויער אויף די לוקאָווישקים דערשטיקט. מען האָט זי געפונען אויף אַ לאָנקע מיט אַ שטריק אויפן האַלדז.

דאָס זיינען נעמען פון יאַנעווער, וואָס האָבן דערגרייכט די שטאָט. צענדליגער זיינען קיין יאַנעווע נישט דערגאַנגען. זייערע קברים זיינען צעזייט אויף אַלע וועגן און פעלדער.

22טער פעברואַר.

איך מייד אוים דעם טויט

צו אַלץ געוואוינט מען זיך צו. מיט טויט-שרעק פלעגט מיר אָנקומען דאָס אַרויסקריכן פון שטאַל, היינט גייט דאָס צו זייער דרייסט.

עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט די נאַכט צו באַזוכן אַ שכן אויף דער פּאָדבאַרנער גאָס נעבן בית-עולם.

ער האָט מיט מיר גערעדט זייער לאַנג. ביים אַוועקגיין זאָגט ער: „איך וואָלט געוואָלט דיר עפּעס געבן, נאָר איך וויל נישט, אַז די קינדער זאָלן זען. וואַרט צו נעבן מיין שייער, איך וועל דיר אַרויס-ברענגען". עס איז מיר נישט געפעלן זיין קוקן אויף מיר, די אויגן האָבן אים געגלאַנצט ווי ביי אַ גזלן. איך האָב אויך געוואָלט זען מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן, בין איך אַרויף אויף דעם בית-עולם און געוואַרט הינטער אַ קשאַק. דער פּויער איז אַוועק אויף דער ביאַלער גאַס צו אַנדזשעיאַקן, דעם פוילישן פּאָליציאַנט, וואָס איז גלייך מיט אים געקומען. זיי האָבן ביידע גענישטערט מיט עלעקטרישע לעמפּלעך הינטער אַלע שייערן פון דער גאַס. איך בין געלעגן אויפן

בית-עולם און געהערט אים זאָגן: „איך מוז אים געפינען, אויב נישט היינט, איז אַ צווייט מאָל״.

מיר האָבן דעם שכן קיינמאָל גאָרנישט געטאָן. די איצטיקע שנאה צו מיר איז בלויז דערפאַר וואָס ער האָט עפּעס פון אונדזער פאַרמעגן . . .

23טער מערץ.

פרילינג

זייער פרי האָט זיך דאָס יאָר געשטעלט דער פרילינג. פרײלעך און שיין איז אויף דער גאַס. נאָר נישט פאַר מיר שיינט די זון. מיינע טעג זיינען אַלץ איינס פינצטערע.

אין טעג אַזעלכע בענקט זיך נאָך מער נאָך פרייהייט.

איך שטיי אויף דעם בוידעם און קוק דורך דער קליינער עפענונג אין דאַך. איך זע אַ פּאָר יידישע הייזער, וואָס שטייען אָפּ־געריסן, חרוב. איך קוק זיך איין אין דעם הויף פון מענדל שוחט, וואָס האָט שטענדיק געקאָכט מיט יידן דאָרט. שפּילן זיך דערנעבן אַ פּאָר קינדער. איך הער נעמען: אַנטעק, וולאַדעק, אָבער נישט קיין משהלע און אויך נישט קיין שלמהלע. די משהלעך און שלמהלעך לעבן נישט מער. זייערע קעפּלעך האָט מען צעשפּאָלטן אָן די שטיינער פון גאַס, ווייל געווען זיינען זיי יידישע קינדער . . .

יעדע יידישע הויז דערציילט געשיכטעס פון דורות. איצט רייסט מען פון דעם שטיקער, אַזוי ווי מען האָט אָוועקגעריסן פון זיי די מענטשן.

וואָס ווייטער אַלץ טיפער ווערט מיין טרויער נאָך די טייערע יאַנעווער יידן. זייערע מעשים האָבן מיך געמאַכט באַוואונדערן זייערע גוטע הערצער, וואָס כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. נאָך זיי טרויער איך, אַזוי ווי איך פאַרגעס נישט מיין אייגענע פאַמיליע.

2טער אַפּריל.

זאַט אָן ברויט

היינט בין איך זאַט. מען האָט מיך אָנגעזעטיקט אויף לאַנג. איך בין שוין צוויי טעג אָן ברויט, אָבער עס הונגערט מיך נישט. נעכטן

האָב איך איבערגעקייטביינדלעך פון פלייש צו דערהאַלטן די נשמה.

איך קען נישט פרי אין אָוונט אַרויס פון שטאַל. עס גייען אַן אַ שיעור שונאים, און ווען איך קום צו מיינע שפּייזער שפּעט, שלאָפן זיי שוין. אַרבעט־טעג. אַלץ שלאָפט איין פרי. איך בין נישט דרייסט זיי צו וועקן.

די נאַכט בין איך אַרויס זוכן עפּעס עסן. גייענדיק מיט דער פאַדבאַרנער גאַס, וואו מיר האָבן געוואוינט, האָב איך באַמערקט בלויז אין איין שכנס פענצטער פייער, אַ שכן ביי וועלכן איך בין ביז איצט נישט געווען. ווען איך האָב אָנגערירט די טיר, איז מיר אַנט־קעגנגעקומען דער פּויער. פאַרשטענדלעך, אַז מען דערוואַרט נישט היינט אַזעלכע געסט . . . ער האָט מיך געפרעגט, וואָס איך וויל? מיין געבעט איז געווען אַ שטיקל ברויט. ער האָט נישט קיין ברויט — האָט ער געענטפערט. איז אַ פּאָר קאַרטאָפל מיט שאָל? ער האָט מיר אַרויסגעבראַכט פיר קאַרטאָפל מיט אַ בשורה, וואָס האָט מיך גלייך זאַט געמאַכט:

מיט צוויי טעג צוריק האָט מען דערשאָסן מיין שוועסטערס זון, דעם איינציקן פון דער משפּחה, וואָס איך האָב נאָך געהאַט אויף דער וועלט. אַזויפיל פייערן איז ער אַדורך. פון מאַלעשעוויצער לאַגער איז ער געקומען צו די 13 יאַנעווער יידן, וואָס אַרבעטן אויף דער וויגאַדע, האָט אים יצחק דוד, מענדל הייגעס זון אַריינגענאַרט און מיט אַ דייטש צוריקגעפירט קיין מאַלעשעוויץ אויסטויישן פאַר זיינעם אַ נאָענטן. עס האָט געדראָט מען זאָל אים גלייך דערשיסן, נאָר דער טייוול האָט אויך אַמאָל אַ בעסערע מינוט. מען האָט אים געשענקט דאָס לעבן דערפאַר, וואָס ער איז נישט געלאָפן צו די באַנדיטן אין וואַלד (מיר זיינען די באַנדיטן, און זיי די שיינע מענטשן!). מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ער ווידער פון דאָרט אַנטלאָפן. אויפן וועג האָט ער אָנגעטראָפן יאַנעווער יידן, וועלכע געפינען זיך אין וואַלד און איז מיט זיי פאַרבליבן. ער איז געקומען אין שטאָט קויפן זאַלץ, האָבן אים די פּאָליאַקן, די אומפאַרשעמטע מענטשן, איבערגעגעבן צו די רוצחים.

דריי טעג האָט מען אים געפייניקט, געצוואונגען צו זאָגן, וואו עס געפינען זיך די אַנדערע, פאַר וועמען ער האָט געקויפט זאַלץ. זיי

האָבן זיך אָבער פון אים גאָרנישט דערוואוסט. דער זעכצניעריקער יינגל האָט מיט שטאָלץ די גרוילעכע פיין איבערגעטראָגן און דעם סוד מיט זיך מיטגענומען. ווען די מערדער האָבן אים געבראַכט אויף דעם בית-עולם דערשיסן, האָט ער זיי אַ שפּיי געטאָן אין פּנים און איז געפאַלן אויף דער ערד. אָרעמער לייבל! — שווער איז מיר דעם קלאַפּ איבערצוטראָגן, אָבער דו ליידסט שוין נישט מער! איך בין דיך מקנא — ביסט שוין מיט דיינע אַלע . . .

די אומבאַוואוסטזיניקע פינצטערע עלעמענטן רוקן מיט אונדז אונטער לעקעכלעך די גרוליקע מערדער. צי גיבן זיי זיך אָפּ אַ חשבון, וואו זיי זיינען אין דער וועלט? ווי זעט אוים זייער לאַנד? וואו איז זייער אינטעליגענץ? צי האָט מען זיי דען נישט אויסגע-שאָסן? פון דעם ווייסן זיי נישט. זיי ווייסן אָבער יאָ זיך צו יאָגן נאָך יידן מיילן-וויים און שלעפּן זיי אין די מערדער-הענט.

11טער אַפּריל.

מען פאַרפאָלגט מיך

עס האָט מיך היינט באַזוכט מיין שווארצינקעס מוטער מיט איר שוועסטער, ביי וועלכע איך האָב געוואוינט. אַ נייער פּאַר מיר וויזיט מיט פרישע נייעס: מיין פלעמיעניק איז געווען ביי איר די לעצטע נאַכט פאַרן אריינפאַלן אין די מערדערישע הענט. זי איז געווען די זאָלץ-קויפערין. אַנדזועיעווסקים זון, פון דער דריטער מאַי גאַס האָט אים דאָרט געטראָפן און געשיקט זשאַנדאַרמען, אָבער ער איז שוין דאָרט נישט געווען. זיי האָבן אים אויפן צווייטן טאָג ארויסגעשלעפּט פון משה טרייסטמאַנס שפּייכלער. זי זאָגט, אַז דער זעלביקער זוכט אויך מיך אַרום. עס ווייסן אַ סך קריסטן, אַז איך באַהאַלט זיך אוים אין יאַנעווע. זי דענקט, אַז עס איז ריזיקאַליש צו זיצן לענגער אין דער שטאָל. זיי ראָטן מיר גיין אין וואַלד. מיין שוועסטערס זון האָט געלאָזן פאַר מיר אַ בריוול, האָט זי דאָס פאַר-ברענט ביי דער אונטערזוכונג פון די זשאַנדאַרמען.

דערווייל ליקווידיר איך מיין געלעגער, פאַרוויש יעדן שפּור פון

וועמענס דאָ זיין. איך מוז צו־וואַרטן ביז מאָרגן, מיין טרייע רעטערין איז געגאַנגען קויפן ברויט מיר מיטצוגעבן אין וועג. די בעקערייען וועלן זיין אָפן ערשט מאָרגן פרי. איך פאַרגראָב זיך טיף אין דער שטרוי

12טער אַפּריל.

דער שטרויענער קאָרב

מיט צוויי שעה צוריק האָב איך נישט געגלויבט, אַז מיינע הענט וועלן מיר נאָך דינען.

איך בין געזעסן אויפן בוידעם. ביים ראַזירן זיך, האָב איך דערהערט ווי עס רייסט ווער די טיר. איך בין זיכער געווען, אַז דאָס איז מיין רעטערין, וועלכע איך דערוואַרט. באַלד האָט ווער גענומען קריכן אויף די שאַפּלען צו גרייכן דעם דאַך מיט דער עפענונג, וואָס איז מיין טיר . . .

מערדער יאָגן זיך צו מיר — וואָס טוט מען ?

מיין לעבן האָט טאַקע נישט קיין ווערט, אָבער איך וויל נישט אומקומען פון די מערדערס הענט.

איך האָב גענומען זוכן וואו זיך צו באַהאַלטן. מיינע בליקן זיינען געפאַלן אויף אַ שטרויענעם קאָרב, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אויפן בוידעם. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם בוך און אין דעם פילם „וויערנאַ זשעקאַ", ווי אַן אַלטער דינער מיט דעם גוט־הארציקן מיידל אין אַ קליינעם גוט האָבן אויסבאַהאַלטן אַ פּוילישן אויפשטענדער אין אַ פאַס.

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן די פּאָר זאַכן און אַריינגעקוועטשט זיך מיט זיי אין קאָרב.

מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ האָב איך צוגעהערט דאָס טרעטן אַרום קאָרב. איך האָב אויך געזען דעם שאָטן פון מיין מערדער . . . און אפשר וואָלט גלייכער געווען, עס זאָל זיך מיט מיר ענדיקן. וואוהין גייט מען איצט ? שווערע וואונדן אויף די פיס, צום נאָענטסטן וואַלד איז אַכט קילאָמעטער. ווי אַזוי וועל איך דערגיין ?

13טער אַפּריל.

אין וואַלד אַליין

עס האָט שוין געשאַרייעט דער באַגינען, ווען איך בין אַנגעקומען אין סערווינער וואַלד.

פון ווי וויט האָט מיר דער נאַכטיגאַל געטאָן רופן מיט איר צאַרט קול: — קום, אומגליקלעכער, איך וועל דיך באַשיצן.

איך בין געגאַנגען נאָך דעם קול נאָך, און אַ טויט־מידער האָב איך זיך אַריינגעריסן אין דעם וועלדל. שטאַרק געדיכט מיט ביימער, איך מוז דעם קאָפּ נידעריק האַלטן און מיט דער האַנט אַוועקנעמען די צווייגן, וואָס רייסן דאָס פּנים. וואָס טיפער, אַלץ געדיכטער. איך בין אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד. איך האָב זיך מער אויף די פיס נישט געקענט האַלטן. דער וואַלד האָט זיך צעשפּילט מיט אַ הערלעך מוזיק, וואָס האָט מיך פאַרוויגט אין טיפן שלאָף.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די זון געווען גאַנץ הויך. מיין זיך־אָרט איז געווען צו נאָענט צום ברעג. איך בין אַוועק טיף אין וואַלד, אויפגעקליבן מאָך און אויסגעשפּרייט אַ געלעגער . . .

איך האָב גענומען אַ פּאָר ביסן ברויט מיט אַ זופּ וואַסער, פאַרטיק שוין מיט דעם מאָלצייט ביז מאָרגן. די צוויי פלאַש וואַסער מיט דעם קליינעם ברויטל דאַרפן מיר דינען אַ צוויי וואָכן.

עס טונקלט שוין אין וואַלד. עס רוקט זיך די נאַכט, וועלכע איז מיין פריינט.

14טער אַפּריל

ביינאַכט אין וואַלד

די נאַכט האָב איך גאָרנישט געשלאָפן. גאַנצע טשערעדעס ווילדע חזירים האָבן מיך באַזוכט. דאָס פאָכען מיט די נעזער האָט מיך אַביסל געשראָקן. איך בין געזעסן מיט אַ שטעקן אין האַנט און זיי געטריבן פון זיך. לויפנדיק האָבן זיי געבראָכן די צווייגן. עס

איז מיר פאַרגעקומען, אַז גאַנצע פאָלקן זעלנער יאָגן זיך נאָך מיר.

עס איז מיר אויך געוועזן קאַלט.

ביינאַכט אַליין אין וואַלד — ווי מוראדיק האָט דאָס געקלונגען! און יעצט אַזאַ ענדערונג. אַזוי ווי איך זאָל דאָ זיין פון געבוירן. דער קערפּער — פון אייזן; דאָס האַרץ — פון שטאָל. איך שרעק זיך בלויז פאַר די ערלעכע מענטשן . . . דער וואַלד-באַנדיט בין איך איצט אַליין!

18טער אַפּריל.

מיין שלאָף-צימער

איך האָב נעכטן אָנגעטראָפן אַן אָקאָפּע, אין וועלכער מענטשן האָבן געוואוינט. גרויס ווי אַ צימער, אַ נאָרע צו שלאָפן פאַר צען פּערזאָן. עס געפינען זיך שפּורן פון אַ קיך. פּעסט געבויט מיט בעלקעס, אויסגעגראָבענע טרעפּ, וואָס פירן אַריין, ווי אין אַ קעלער. זייער פאַכמעניש געבויט. עס איז מיר זייער גוט אונטערגעקומען: קאַלטע נעכט, איך פריר אין וואַלד. בייטאָג וואַרעמט מיר די זון, שיינע פרילינג-טעג, און ווען די זון פאַרגייט, גיי איך אַריין אין דער גרוב.

יאָ, איינער בויט, און דער צווייטער וואוינט. געבויט האָבן דאָס מענטשן פאַר זיך, און איצט איז געקומען אַ פרעמדער וואוינען. זיי האָט דער גורל פאַרזאָרגט מיט אַן אייביקער וואוינונג . . . סאָוויעטישע געפאַנגענע, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די לאַגערן האָבן אין דער גרוב געוואוינט. עס זיינען דאָ בלויז פאַרבליבן זייערע צען נעמען אויסגעקריצט אויף דער וואַנט. אויסגעקוילעט האָט מען זיי אַלע. אויך זייער בלוט איז פאַרגאָסן אויף אַלע פעלדער.

מאַנאַטן-לאַנג האָבן די נאַציס זיי געהאַלטן הינטער דראָטן אויף דער גאָלער ערד. פון הונגער האָבן זיי אָפּגעגעסן די גראָז פון דעם פּלאַץ. יעדן טאָג פלעגט מען אַרויסנעמען הונדערטער אַזוי כלומרשט אויף אַרבעט און זיי זיינען מער נישט געקומען צוריק . . . די פאַרבליבענע זיינען אויפגעשטאַנען און זיך באַפרייט פון די נאַציס און פון די דראָטן. זיי האָבן געזוכט שוץ אין די וועלדער. אַ סך האָבן

זיך פאַרנומען צו דערגרייכן די היימען. אָבער די מערהייט איז צוריק נעכאַפּט געוואָרן פון די דייטשן, וואָס האָבן זיי אומגעבראַכט אויף די וועגן.

19טער אַפּריל

ערב פּסח

היינט איז ערב פּסח. געווען איז דאָס אַמאָל אַ פרייליכער פרילינג-יום-טוב.

היינט אַ יאָר בין איך ביי מיין טאַטנס סדר-טיש געזעסן. דאָס איז געווען נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר שמאַכן אונטער דער היטלער-ריסטישער קאָלבע. אָבער דער סדר האָט אויסגעזען אַזוי אימפּאָזאַנט, אַז עס האָט זיך מיר געוואָלט אויסרופן: „ווען דער 'פּירער' וואָלט געזען איצט אונדזער סדר, וואָלט ער זיך אויפגעהאַנגען פאַר צרות". נישט וויסנדיק, אַז דאָס איז שוין אונדזער לעצטער סדר געווען.

די זון האַלט אין פאַרגיין. איך גיי איבער אין דער גרוב, וואָס וועט זיין מיין יום-טוב-צימער. בלויז איין הארבע קשיא וועל איך קענען פרעגן: ווי לאַנג וועל איך זיך אַזוי מאַטערן? איך האָב גאָרנישט אַזוינס אויף מיין געוויסן, איך זאָל דאַרפן אַזויפיל אָפּקומען. איך האָב שוין גענוג דאָס אַלץ — איך וויל צו מיינע נאָענטע...

24טער אַפּריל

איך פאַרלאָז דעם וואַלד

דער 12טער טאָג שוין ווי איך בין אַליין אין וואַלד. פון דעם קליינעם ברויטל מיט די צוויי פלאַש וואַסער איז שוין גאָרנישט פאַרבליבן. עלף טעג האָב איך זאַגאַר געקוקט אויף דעם, און היינט האָב איך די קרישקעס צונויפגעקליבן.

איך הער נאָענט איינוואוינער. איך האָב מיט זיך עפּעס געלט, אָבער איך קען צו זיי נישט גיין. איך קען דאָ נישט קיינעם. קוים

וואָס איך האַלט זיך אויף די פיס. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך קען דאָ אַזוי אויסהויכן די נשמה . . .

זייער אַ שווערע פּראָבלעם. איך וויל נישט פאַלן פון די מערדער־הענט. הונגער־טויט איז צו לאַנג צו וואַרטן און די ליידן זיינען זייער גרויס. אַליין זיך נעמען דאָס לעבן — פעלט מיר מוט.

איך האָב נעכטן באַשלאָסן אויפשניידן די אָדערן פון דער האַנט, אָבער ווי נאָר איך האָב צוגעלייגט דאָס ראַזיר־מעסערל, איידער עס איז נאָך אַ טראָפּן בלוט אַרויס, האָב איך דאָס אַוועקגעוואָרפן.

און וואָס ווילן פון מיר די פייגל? וואָס באַוויינען זיי מיך אַזוי? צי בין איך פאַר זיי איינער? וויפל טויזנטער צו מיר קענען זיי געפינען? זייער סוויטשעריי איז איצט אַזוי טרויעריק, עס צערייסט מיין האַרץ אויף שטיקער. איך קען דאָס מער נישט פאַר־נעמען. די נאַכט פאַרלאָז איך דעם וואַלד.

25טער אַפּריל

צוריק אין שטאַל

אַ דערשעפּטער, אָן כוחות, האָב איך פאַרלאָזט דעם וואַלד. גע־שלעפּט זיך אויף די צעאַקערטע פעלדער. נאָך יעדן שטיקל וועג האָב איך געמוזט רוען. ביים אויפשטיין זיינען מיר שוואַרצע רעדער געפלויגן פאַר די אויגן. איך האָב לאַנג געמוזט וואַרטן, זיי זאָלן פאַראיבער, כדי איך זאָל קענען זען דעם וועג. ביז האַלבער נאַכט בין איך אַזוי געקראָכן און אַריין אין אַ זומפּ, אין וועלכן איך האָב זיך ווי לאַנג געראַנגלט, אַ זומפּ אָן אַ סוף. איך בין שטיין געבליבן אין דער בלאָטע, נישט געקענט ווייטער גיין. ווען איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין דער פינצטערניש, איז מיר אויסגעקומען ווי איך זאָל זען ביימער פון נישט ווייט. מיט די לעצטע כוחות האָב איך אָנגעפאַנגען גיין אין דער ריכטונג, אָבער איך בין פאַרט געפאַלן אין דער נעץ.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן. איך בין אויפ־געשטאַנען אין גאַנצן אַ נאַסער, אַדורכגענומען פון קעלט. אַזוי בין

איך דערגאַנגען צו די ביימער, ביי וועלכע עס האָט זיך געצויגן אַ וועג, און גלייך האָב איך דערזען הייזער.

אַך, גאָט — אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר האָב איך אויף דעם וועג און אויף דער לאַנקע געטראָטן. וויפל פריילעכע קינדער־טעג האָב איך ביי די זומפּן פאַרבראַכט, און איצט אַ האַלבע נאַכט דאָ גע־בלאָנדזשעט און נישט געוואוסט וואו איך בין. עס האָט מיך גע־טיילט בלויז אַ קליין שטיקל וועג פון אונדזער הויז און פון שכן, צו וועמען איך בין געגאַנגען.

זיי זיינען נאָך געווען אויף, אָבער ווען איך האָב אָנגענומען די טיר, האָט מען גלייך דאָס ליכט פאַרלאָשן. נישט קיין געבעטענער גאַסט . . . עס איז פּסח ביי זיי, אויסגעפּוצט אין מיין אָנטאָן, מען גייט זיך לייגן אויף מיין בעט, און צו וואָס דאַרפן זיי מיך איצט? . . .

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ צווייט הויז, צו דער קריסטין, ביי וועמען איך האָב געוואוינט, געבעטן זי זאָל מיר פאַרקויפן אַ שטיקל ברויט, — ווי וועט מען איצט, אין דער פינצטער זוכן ברויט? — האָבן זיי געענטפערט. איך האָב שוין צוויי טעג נישט געגעסן, איך קום פון וואַלד — האָב איך געזאָגט. ווי פאַר אַ הונט האָט מען דורך דעם לופטשיק (קליין פענצטערל) געוואָרפן דאָס ברויט.

אומפאַרשטעמטע! פינף יאָר האָב איך מיט זיי געוואוינט, צוזאַמען געשלאָפן און געגעסן, און איצט בין איך פרעמד צו זיי. איך האָב זיך געזעצט אונטערן פענצטער פון מיין געוועזענעם צימער און מיט טרערן באַגאָסן דאָס ברויט.

עס האָט שוין געטאָגט, ווען איך בין געקומען אין מיין שטאַל.

29טער אַפּריל.

אין קאָרב

גרויסע פרילינג־טעג. איך ליג אין דעם שטרויענעם קאָרב, וואָס איז געווען מיין רעטער, איינגעדרייט ווי אַ קנויל.

איך מוז צוואַרטן אַ פּאָר וואָכן ביז דאָס קאָרן אויף די פעלדער וועט ווערן הויך.

מיטן אָנקומען פון באַגינען רוק איך זיך אַריין אין קאָרב, און ליג

אזוי ביז גוט פינצטער. דאַן דריי איך זיך מיט אים איבער און קריך פון אים אַזוי אַרויס.

ביינאַכט ליג איך אין שטאַל אויף דער שטרוי, גלייך אויס די ביינער, גרייט זיך צו צו בייטאָגיקער מאַטערניש.

די נעכט גיי איך נישט אין ערגעץ. איך האָב אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער, און וואָס דאַרף איך מער?

אַ גאַנצן טאָג ווייל מיר די קינדער וואָס שפּילן זיך ביי דער וואַנט. איך קאָן שוין יעדעם קינד ביים נאָמען און יעדנס קול.

איך ווייס אויך אַלע נייעסן פון שטאָט, דורכגייער דערציילן זיך איינע די אַנדערע, איך הער זיך אונטער. די שטוב שטייט אין אַ ווינקל פון צוויי גאַסן און עס איז אַן אַלטע געוואוינהייט פון מענטשן צו שטעלן זיך אין אַ ווינקל פון גאַס און פּלוידערן.

מען שדכנט שידוכים, מען רעדט פּאָליטיק, דאַרף ווער אונטער־קויפן דעם סאָלטעס, איז אויך הינטער מיין וואַנט. איך מוז אַזוי אַ גאַנצן טאָג ליגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, יעדער מינדסטער קלאַנג אָדער ריר וואָלט אַרויסגערופן פאַרדאַכט. די שטוב איז נישט באַוואוינט פון קיינעם אַחוץ מיר . . .

30טער אַפּריל

איך טרעף יאַנעווער יידן

איך בין די נאַכט געגאַנגען צו דער קאַרעטע נאָך וואַסער, זיינען מיר אַנטקעגנגעקומען צוויי פּערזאָן און געפרעגט ווער עס גייט. איך האָב נישט געענטפערט און זייטיק אַרונטער הינטער די סטאַ־דאָלעס. זיי זיינען מיך נאָכגעגאַנגען און באַלויכטן מיט אַן עלעק־טריש לעמפּל. אַ צעטומלטער בין איך געבליבן שטיין און געזוכט אין קעשענע די פּאָר הונדערט זלאָטעס, אפשר וועט דאָס מיך אויס־קויפן. צו מיין גרויס איבערראַשונג, האָט מען מיך אין יידיש אָנגע־רופן ביים נאָמען. — אָך, יידן, ווער זענט איר? — זיי זיינען צו מיר צו. געווען זיינען דאָס: דוד גאָלדהאַמער, מיט וועלכן איך בין אַוועק פון לאַגער — דער איינציקער וואָס לעבט נאָך — און

זיין ברודער לייבל. זיי האָבן מיך שטאַרק באַדויערט. לייבל האָט א געשריי געטאָן: „אוי, אַ בראָך, זע נאָר ווי ער זעט אויס!"

זיי געפינען זיך אין וואַלד מיט מאיר דעם שוואַרצנס דריי זין, מאָטל בלושטיין, פאַליק רוזאַל, חיים בלושטיין, מאָטל רוזאַל און שעיה רוזאַל. זיי האָבן אַלץ וואָס זיי דאַרפן. זיי ווילן מיר העלפן. אָבער נעמען מיט זיך איצט האָבן זיי נישט געקענט. עס איז שוין געווען נאָענט פון טאָג און איך בין דאָך אַ קאַליקע אויף די פיס. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט קומען מיך נעמען אין די נאָענטסטע טעג.

13טער מאַי.

די יידן פון דער „וויגאָדע"

ביים אַרויסטרייבן פון יאַנעווע, האָט אַ דייטשישער פאַלקאָווניק, וואָס פאַרוואַלטעט מיט דער „וויגאָדע" איבערגעלאָזט זעקס יידישע בעלי־מלאכות.

זיי זיינען געווען אין די „טשוואַראַקן", געאַרבעט פאַר דער „וויגאָדע". די וואָך אַרום זיי איז נישט געווען קיין שטרענגע, האָבן זיי אויך געקענט אַרבעטן פאַר די אַרומיקע פויערים, וואָס פלעגן צו זיי קומען.

די באַציאונג פון פאַלקאָווניק איז נישט געווען קיין שלעכטע, דערפאַר זיינען זייערע באַדינגונגען געווען זייער גוט. איבערן ווינטער איז די גרופע אויסגעוואַקסן ביז דרייצן פערזאָן. ביי דעם איז צוגעגאַנגען אַביסל שאַכער־מאַכער מיט דעם פאַלקאָווניק. מיט אָט דער אַרבעט האָט זיך אויסגעצייכנט יצחק דוד (מענדל הייגעס זון), וואָס האָט אַריינגענומען אַ פאַר יאַנעווער יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די שטאַלן אויף דער „וויגאָדע", איינגעמאַלדן זיי אויף אַ פאַר טעג און שפעטער געפירט זיי צוריק אין דעם לאַגער אויסטוישן פאַר זיינע נאָענטע אָדער סתם גוטע פריינט. געביטן אַ לעבן פאַר אַ לעבן . . . די גרופע האָט זיך, זעט אויס, נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, וואו זיי האַלטן אין דער וועלט. זיי האָבן געדענקט, אַז זיי זיינען די אויסדערוויילטע ביי די דייטשן.

זיצנדיק דאָ אין דער שטאַל, האָב איך געהערט דורך דער וואַנט פויערטעס דערציילן, אַז מען האָט היינט די דרייצן יידן פון דער „וויגאָדע" אַרויסגעפירט. איך וויל איבערגעבן דעם געשפרעך פון די צוויי פויערטעס:

— דו ווייסט, איך האָב היינט געזען פירן די יידן פון דער „וויגאָדע". — זאָל זיי דער טייוול נעמען — האָט די צווייטע געזאָגט — וואָס זיינען זיי דאָרט געזעסן און געוואַרט אויפן טויט, האָבן זיי דען נישט געוואוסט, אַז מען וועט זיי נישט לאָזן איבערלעבן? פאַרוואָס זיינען זיי נישט אַנטלאָפן אין וואַלד? מיין מאַן זאָגט, אַז אַלע וועלדער זיינען פול מיט יידן.

די וועלדער זיינען טאַקע אפשר נישט פול מיט יידן, אָבער זיי, אפשר, וואָלטן זיך געקענט ראַטעווען, האָבנדיק אַזויפיל צייט צו באַטראַכטן די לאַגע. אַזוי צי אַנדערש, דער פאַקט איז: אַז צו דער אַזוי גרויסער קדושים-רשימה זיינען צוגעקומען נאָך 13 קרבנות.

15טער מאַי

נישטאָ שוין אויף וועמען צו וואַרטן

איך וואַרט נישט מער אויף די יידן פון וואַלד, נישטאָ שוין אויף וועמען. אין אַן אָבלאַווע פון זשאַנדאַרמען זיינען פיר געפאַלן. מען ווייסט נישט וואָס עס איז געשען מיט די אַנדערע.

אין קאָרב קען איך נישט לענגער פאַרבלייבן. מיין רעטערין איז געקומען, געבראַכט מיר די נייעס פון וואַלד. זי ראָט מיך ווידער פאַרלאָזן די שטאַל. אַ שלעכט פאַרגעפיל האָט איר געטריבן 15 קילאָמעטער — זאָגט זי. „איך וויל אַז דו זאָלסט איבערלעבן". זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז רייזל ענגלענדער (מאַנעס'עס טאָכטער) איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי איר שכן סטאַך בוטשינסקי, האָט ער זי אַליין דערהרגעט. שכנים האָבן געהערט איר געוויין אין שטאַל.

זי הייסט מיר בעטן גאָט פאַר איר נשמה. זי דענקט, רייזל איז געווען מיין כלה. יאָ כלה, אָדער נישט, עס וויטיקט דאָס האַרץ

אויף יעדן אומגעקומענעם ייד, און בפרט נאָך גוטע פריינט. אַזוי ברענגט מען אַ בשורה נאָך אַ בשורה.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זייער פיל יאַנאָווער יידן האָבן געפּרוווט זיך ראַטעווען, געשפּרונגען פון דער באַן, אַנטלאָפן פון לאַגערן, געזוכט שוץ וואו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן. צום באַדויערן זיינען פיל אַריינגענאַרט געוואָרן פון די „רעטערס", זיי האָבן צוגענומען פון זיי וואָס נאָר זיי האָבן געהאַט און ווען זיי האָבן געזען, אַז מער האָבן זיי שוין נישט געקענט ציען פון די קרבנות, זיינען זיי אַליין געוואָרן די מערדער.

17טער מאַי.

אין קאָרן

דער צווייטער טאָג, אַז איך ליג אין קאָרן, ביים ראַקיטנער וועג, 5 קילאָמעטער פון יאַנעווע. דאָס קאָרן איז נאָך זייער נידעריק, מען קען זיך נישט אויפזעצן. איך ליג אויף דער קאַלטער ערד און עס אַ פּאָר קאַרטאָפל מיט שאָל. די בעקערייען זיינען פאַרמאַכט. איך האָב געגעבן אַ קריסטין געלט, זי זאָל מיר קויפן ברויט און דאָס אָוועקליינגן אין גאָרטן ביי איר. איך וועל קומען שפּעט ביינאַכט דאָס נעמען. מיט דעם וועל איך פאַרשפּאָרן זי וועקן אין מיטן דער נאַכט. איך בין דאָרט נעכטן געוועזן און געטראָפן בלויז אַ שמאַטע מיט קאַרטאָפל, אין וועלכער עס איז געווען אַ צעטעלע: „ברויט וועט זיין דעם 17טן". איך גיי דאָרט ווידער די נאַכט זוכן. ווען איך וועל קריגן דאָס ברויט, וועל איך פּרוּוון אַנציען צוריק אין וואַלד. אין קאָרן קען מען נאָך נישט זיין. דאָס מאָל האָב איך געמוזט בלייבן. די פיס זיינען מיר שטאַרק פאַרוואונדעט, איך האָב נישט געקענט דערגיין.

21טער מאַי

ווידער אין וואַלד

שוין פיר טעג, אַז איך בין ווידער אין וואַלד. די גאַנצע צייט רעגנט. איך האָב נישט געטראָפן צו דער אַקאָפּע, אין וועלכער איך

בין פריער געזעסן. איך בין אויסגעווייקט פון רעגן, אדורכגענומען פון קעלט, כ׳ליג אונטער אַ בוים און דעק צו דאָס טרוקענע שטיקל ערד וואָס איך האָב פאַרשפּרייט מיט מאָך. עס קלאַפּן די שווערע טראָפּנס וואַסער אין מיר, פאַלנדיק פון די ביימער. איך שלעפּ דעם נאַסן מאַנטל פון איין זייט אויף דער צווייטער, אָבער עס מאַכט גאָרנישט בעסער. עס רינט וואַסער פון אַלע זייטן.

25טער מאַי

אין דאָרף

איך קען שוין מער נישט אַזוי אַרומוואַלגערן זיך אַליין. איך האָב געהערט זאָגן, אַז אין דעם דאָרף ראַמאַנאָווע האַלטן זיך אויף יידן, בין איך די נאַכט אַהער אָנגעקומען. עס איז מיר דאָס דאָרף באַקאַנט פון פריער, און דאָך האָב איך געבלאָנדזשעט. איך בין אַרומגעקראָכן אין דער זייט פון דעם דאָרף אויף די לאַנקעס און קשאַקעס און צום דאָרף נישט געטראָפן. נאָך דעם קרייען פון די הענער האָב איך געוואוסט, אַז איך בין נאָענט פון דעם דאָרף, נאָר דער שטאַרק פאַלנדיקער טוי האָט גאָרנישט דערלאָזט צו זען. אַ פאַרמאַטערטער האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער נאַסער לאָנקע און צוגעוואַרט ביז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. דאַן האָב איך דערזען די הייזער. מיט שנעלע טריט בין איך אַריין צו אַ באַקאַנטן פּויער אין קאָרן. דאָס קאָרן איז דאָ אַזוי הויך, אַז מען קען זיך אפילו אויפשטעלן און מען וועט מיך נישט אַרויסזען. איך דענק, אַז דאָ וועט מיר זיין בעסער ווי אויף די פעלדער ביי יאַנאָווע. איך וואַרט אויף דער נאַכט צו זען דעם פּויער און עפּעס זיך דערוויסן.

26טער מאַי

איך ווייס נאָך גאָרנישט

דעם צווייטן טאָג אין דאָרף און איך האָב קיינעם צו זיך. איך ווייס נאָך אויך גאָרנישט. איך האָב גערעדט מיט דעם פּויער. ער זאָגט, ער ווייסט נישט פון קיין יידן דאָ אין דאָרף. אַן אַנדער פּויערטע

האָט מיר דערציילט, אַז נעכטן איז געווען ביי איר פאַליק דעם „דרים־ניאַקס", אָבער זי ווייסט נישט, וואו ער געפינט זיך.

מיט עסן איז דאָ דערוויייל שוואַך. איך בין היינט אין גאַנצן אָן ברויט, אָבער דאָס איז גאָרנישט. עס גייט צום אַלטן: איין טאָג עס איך און דריי נישט. וואָס איך זוך איז צו געפינען וועמען צו זיך. שוין פינף מאָנאַטן ווי איך בין אַליין. איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן דאָס לשון. עס קומען אונטער אַזעלכע גרויסע טעג און איך וועל דאַרפן אַזוי זיצן אַליין אין קאָרן.

27טער מאַי.

געטראָפן פאַליקן

ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, בין איך אַרויס פון דעם קאָרן זוכן עפּעס עסן, איז מיר אַנטקעגן געקומען די פויערטע, וואָס האָט מיר נעכטן דערציילט פון פאַליקן. איר גוט האַרץ האָט נישט געקענט רוען. זי האָט מיר נעכטן אָפּגענאַרט, פאַליק האַלט זיך אויף ביי איר. אַ גאַנצן טאָג איז ער אין קאָרן, אין אָוונט קומט ער צו איר עסן.

זי האָט מיך אַ רוף געטאָן מיט דער האַנט און צוגעפירט צו אַ שטרויען דעכל, וואו מען האַלט היי. „קריך דאָ אַרויף, דאָ זיצט ער. איך האָב אים געגעבן אַ סך זופּ, וועט איר ביידע עסן!"

דערזעענדיק פאַליקן האָב איך פאַרגעסן אין דער זופּ, הגם איך האָב שוין זיבן וואָכן נישט געהאַט אפילו קיין וואַרעמען טרונק וואַסער.

פאַליק איז איינער פון די צען, וואָס זיינען געווען אין קאָנסטאַנטינער וואַלד. עס זיינען געפאַלן דאָרט מאיר דעם שוואַרצנס דריי זין און מאָטל בלושטיין. מיט צוויי וואָכן צוריק איז אין דעם זעלביקן וואַלד געפאַלן זייער טאַטע מאיר און משה ציטרינבוים.

פאַליק מיט די אַנדערע פינף זיינען דורך דעם פייער פון מאַשין־געווער נישט באַשעדיקט געוואָרן.

מיר זיינען אַזוי ביידע געזעסן און דערציילט איינער דעם צווייטן די טרויעריקע פּאַסירונגען ביז שפּעט. די פויערטע האָט איבערגעשלאָגן אונדזער געשפּרעך, ווען זי איז אַרויסגעקומען צונעמען דעם טעפּל. זי האָט אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען. זי האָט דערנעבן אַ שוועסטער וועלן זיי אונדז ביידע העלפן.

31טער מאי.

גוטע מענטשן

די גוטע פויערטע האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פון אירם אַ שכן, וואָס וויל מיר זען. זי זאָגט, ער האָט מיר עפּעס צו געבן. איך זאָל קומען מאָרגן צו אים אין קאָרן אונטער דער באַרן-בוים.

איך בין געקומען שפּעט ביינאַכט אויף דעם אָרט און אַוועקגעלייגט זיך אין נאַסן קאָרן וואַרטן אויפן פויער.

מיט זון-אויפגאַנג האָב איך אין קאָרן געהערט זיך פּאַשען בהמות און אַ מיידל לייענען אַ בוך. האַבנדיק ווייניק צוטרוי צו דער אַזוי ווילדער קריסטלעכער יוגנט, האָב איך צוגעוואַרט, עס זאָל ווער אָנקומען פון די עלטערן.

נישט לאַנג וואַרטנדיק, איז אַרויסגעקומען די מוטער טוישן דאָס מיידל, וועלכע איז געגאַנגען פרישטיקן. אַן אַלטע פרוי געשטרויכלט פון פּאַראַליטש. אויף די קני בין איך צוגעקראָכן צום זוים פונעם קאָרן, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און אַ רוף געטאָן „פּראַשען פּאַני". די פויערטע האָט אַ וואָרף געטאָן דעם שטעקן פון דער האַנט, וואָס העלפט איר ביים גיין און אויסגעשריען „יעזוס מאַריאַ", און אויף דער קראַנקער פוס האָט זי אָנגעהויבן אַוועקשפּרינגען. איך בין אויפגעשטאַנען און געגומען זי צו באַרואיקן, אַז איך בין דעם מילנערס זון, זי זאָל זיך נישט שרעקן (נישט קיין וואונדער, איך קריך אויף אַלע פיר אַזוי ווי אַ נישט-גוטער). איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיינעם אַ ברודער, וועלכן זי האָט געקענט. איך בין ענלעך צו אים, אָבער זי האָט דערקענט. יענער איז געווען אַ הויכער, האָט זי געזאָגט. ווען זי האָט זיך באַרואיקט, האָב איך איר דערציילט, נאָך וואָס איך בין געקומען.

— דער „פּאַן" איז אַוודאי הונגעריק? — האָט זי געזאָגט. — מיין מאַן וועט איצט זיין מיטאָג-צייט, און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, איז זי אַוועק אין הויז. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז צוגעקומען דאָס מיידל, באַהאַלטן אונטער דעם זשאַקעטל האָט זי געבראַכט אַ טעפּל געקעכץ מיט ברויט. זי האָט מיר געגעבן די האַנט און פאָרגעשטעלט זיך, איר נאָמען איז פראַניאַ.

זי האָט זייער לאַנג מיט מיר געשמועסט, באַדויערט און גע־טרייסט. זייער אַן איידל קינד. עס פרייט מיר דער פאַקט, אַז ביי אַן איינ־פאַכן פויער זאָל אַ קינד אַזוי גוט דערצויגן ווערן. זי האָט מיר אויך געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב זיך נישט אָפּגערופן צו איר, נאָר גע־וואַרט אויף דער מוטער? איך האָב זיך פאַרענטפערט: זי האָט געלייענט אַ זייער שיינעם ראָמאַן וואָס האָט מיך שטאַרק אינטערע־סירט, און איך האָב נישט געוואָלט איבערשלאָגן דאָס לייענען. זי האָט זיך פאַררויטלט. — פון איצט אָן — זאָגט זי — וועט זי מער נישט לייענען אויפן קול.

נאָך אַ לענגערן געשפּרעך האָב איך איר געזאָגט דעם אמת. איך בין זייער פאַרזיכטיק אין דעם פאַל. מיט אַ שמייכל האָט זי צוגע־געבן, אַז דאָס איז ריכטיק. אָבער איך, — זאָגט זי — ווייס אַ סך. מיר האָבן געהאַלטן ביי זיך אַ לאַנגע צייט שייקע פון האָבערם מייד־לעך, יידן זיינען ביי אונדז אָפטע געסט.

איך האָב נישט צו איר פאַר נישט אַנטפּלעקן דעם סוד, אַז שיי־קעלעס מיידלעך זיינען נאָך ביי זיי, און זאָל זיי גאָט העלפן, זיי זאָלן ביי זיי איבערלעבן.

ווען די זון איז פאַרגאַנגען, איז צוגעקומען דער פויער. אויף זיין פנים האָב איך געזען אַ צופרידנקייט, וואָס איך האָב נאָך ביז איצט אויף קיינעם נישט באַמערקט. ער האָט גערעדט צו מיר און טרערן זיינען געשטאַנען אין זיינע אויגן. די נאַכט, זאָגט ער, וועלן די ברידער גאָלדהאַמער און מאָטל רוזאל זיך טרעפן דאָ אין קאָרן אונטער דעם באַרנע־בוים, אויב איך וויל זיי זען, זאָל איך צוואַרטן ביז שפּעט אין אָוונט.

1טער יוני.

מען טרייבט אונדז פון דאָרף

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געוואַרט אונטער דעם באַרנע־בוים אויף די יאַנאָווער יינגלעך, אָבער קיינער איז נישט גע־קומען. פאַרטאָג בין איך צוריקגעקומען צו פאַליקן, וואָס האָט אויסגעקוקט איך זאָל אים ברענגען נייעס. איך האָב בלויז

איבערגעגעבן פון דער גוטער אויפנאַמעביים פּויער, איינגענורעט זיך אויף דער ערד, פאַרדעקט דאָס פּנים פון דעם פאַלנדיקן טוי, וואָס האָט נאָס געמאַכט ווי אַ רעגן און איינגעשלאָפן.

אויפגעוועקט האָט אונדז אַ פעסט־געבויטער פּויער מיט אַ פעט פּנים. אַ שכן פון דעם בעל־הבית, צו וועמען דאָס קאָרן באַלאַנגט.

— גייט אויף די שטאַטישע פעלדער, איר וועט ברענגען אַ צרה אויפן גאַנצן דאָרף, איר זאָלט די נאַכט פון דאַנען אַוועקגיין.

וואו גייט מען? עס ווילט זיך נישט פון דאַנען אַוועק. עס געפינען זיך אַ פּאָר גוטע פּויערטעס דאָ, וואָס העלפן אונדז מיט עסן. נישטאָ דאָ קיין דייטשן. עס קומען נישט אָפט אַהער די פּוילישע פּאָליציי, וואָס יאָגט זיך שטאַרק נאָך אונדז. דאָס דערפל איז אַרומגע־רינגלט מיט וואַלד. אין אַ געפּאַר איז דאָ פאַראַן וואו זיך צו באַ־האַלטן. אָבער מיר מוזן גיין פון דאַנען. ווען נישט, וועט מען פון אונדז פּטור ווערן אויף אַן אַנדער אופן . . .

2טער יוני.

פון איין תבואה אין דער צווייטער

ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז אין קאָרן געקומען אונדזער שפּייזערין. מיר האָבן איר געדאַנקט פאַר דער הילף, דערציילט איר וועגן דעם וויזיט פון דעם גראָבן שכן אירן. אויסהערנדיק אונדזער געשיכטע, האָט זי געזאָגט: „איך ווייס דערפון, איך בין געקומען אייך וואָרענען נישט צו גיין אויף די יאַנעווער פעלדער, איר וועט דאָרט אומקומען. דאָ זענט איר מער זיכער. איך האָב זיך באַראַטן מיט מיין מאַן און אונדזער עצה איז: איר זאָלט איבערגיין אין מיין זונס תבואה, ער דאָרף דערפון נישט וויסן". זי האָט אונדז אויך אי־בערגעגעבן די סיבה פון דעם אַוועקשיקן אונדז פון דאָרף: עס זיינען אַהער אָנגעקומען פיר אַגיטאַטאָרן פון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער. זיי פירן דאָ אָן מיט דער אַרבעט. זיי האָבן אונדז באַמערקט און ווילן נישט, אַז מיר זאָלן דאָ זיין.

לויט אירע רייד זעט אויס, אַז מיר דאַרפן זיך פאַר זיי היטן. זיי אַליין קענען ווערן אונדזערע מערדער.

20טער יוני

די זאָרג אויף ווייטער

אין צרות און אין ליידן, און דאָך לויפט די צייט. אַוועק דער פרילינג און אַט איז שוין זומער, און צו די ליידן נעמט נישט קיין סוף. נישט שטענדיק וועט שטיין די תבואה אויף די פעלדער. מען מוז אַ קלער טאָן אויף ווייטער.

פאַליק ווייסט פון יאַנעווער יידן, וואָס געפינען זיך אין סער־ווינער וואַלד, מיט וועלכע מיין שוועסטערס זון איז געווען. די נאַכט זיינען מיר געקומען אין וואַלד זיי זוכן. מיר האָבן געפונען די אַקאָפּע אַ פאַרלאָזטע אָן קיינעם. ווי עס זעט אויס, האָבן זיי די גרוב גוטוויליק פאַרלאָזן. ווען חלילה אין אַן אַנדער פאַל, וואָלט די אַקאָפּע געווען איינגעוואָרפן. אַ גרויסע אונטער־ערד־וואוינונג, אַ נאָרע צום שלאָפן, אַ קיך און אויך אַ פּאָר כלים. אונטער דער נאָרע ליגן אָנגעשאָטן קאַרטאָפל, וואָס הויבן שוין אָן וואַקסן. די גרויסע קאַ־לוזשע וואַסער זאָגט עדות, אַז קיין מענטש איז שוין דאָ לאַנג נישט געווען. מיר גייען אַראָפּ אין דער גרוב און אַרויף, נישט וויסנדיק פון וואָס אָנצוהויבן. פאַרוואָס האָבן זיי די אַקאָפּע פאַרלאָזן?

21טער יוני

פון איין וואַלד אין צווייטן

נישט טרעפנדיק אין סערווינער וואַלד קיינעם, זיינען מיר איבערגעגאַנגען אין טשעלעשניצער. פאַליק זאָגט, אַז דאָ דאַרפן זיך געפינען קרופּעס דריי זין, הערשל דער קירזשנער מיט זיין זון און אהרן שייקעס. מיר קריכן שוין דאָ אַרום אַ גאַנצן טאָג און נישט געטראָפן די אַקאָפּע. מען האָט געזאָגט, אַז זיי לעבן שוין נישט, אָבער איך האָב נישט געהערט מען זאָל זיי האָבן אומגעבראַכט. ווען די רוצחים דערהרגענען וועמען, לאָזט זיך עס הערן. און עס דאַרף דאָך זיין די אַקאָפּע, גאַנץ אָדער איינגעוואָרפן.

איך קען נישט מער אַרומגיין זוכן. די פיס זיינען מיר נאָך נישט פאַרהיילט. מיט דעם גאַנג האָב איך זיי אויפסניי פאַרוואונדיקט.

זייער אַ הייסער טאָג. די לופט אין וואַלד שטיקט. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעגנומען צוויי פלעשער וואַסער אין אַ ראָוו, זייער נישט קיין ריינע, אָבער מען קען נישט איינהאַלטן דעם דורשט. מיר טרינקען די מוטנע וואַסער. ווען עס וועט פינצטער ווערן, וועלן מיר אַרויס פון וואַלד און דורך דער נאַכט אָנציען צוריק קיין ראַמאַנאָווע.

22סטער יוני

געבלאָנדזשעט

ביז גרויסן טאָג זיינען מיר געגאַנגען דורך די פעלדער מיט דער תבואה און אָנגעקומען צום וועג, מיט וועלכן מיר זיינען תחילת אַוועק אַרויס פון וואַלד.

גרויס איז דאָס יאָר די גערעטעניש. די תבואה שטאַרק הויך. מען פאַלט אַריין ווי אין אַ וואַלד. שווער זיך צו אָריענטירן דעם וועג. אַזוי האָבן מיר אַרומגעבלאָנדזשעט אַ גאַנצע נאַכט און אָנגעקומען אויף דעם זעלביקן אָרט. פון גיין בייטאָג איז קיין פראַגע נישט. מיר מוזן וואַרטן אויף דער נאַכט.

זיצנדיק אין קאָרן ביים וואַלד, האָבן מיר באַשלאָסן אַליין זיך איינצואָרדענען אין דער אָקאָפּע. מיר וועלן גיין אין דאָרף, שאַפן אַ פּאָר פוד קאַרטאָפל און ברענגען דאָס אין גרוב, ס׳זאָל אונדז סטייען ביז די נייע, וואָס האַלטן אין אויפקומען אויף די פעלדער.

ראַמאַנאָווע איז דאָס איינציקע אָרט, וואו מיר קענען די קאַר־טאָפל לייכט באַקומען. און זאַכן, אין וואָס צו קאָכן, וועלן מיר בים־לעכווייז צוזאַמענשלעפן, פון וואַנען עס וועט זיך נאָר לאָזן שלעפן.

24סטער יוני.

מיט די קאַטאָפל ביי דער אָקאָפּע

באַהאַנגען מיט האַלבע זעקלעך קאַרטאָפל זיינען מיר באַגינען צוריקגעקומען אין וואַלד אויסגעווייקט פון שווייס. די שווערע מאַסע האָט אָפּגעריבן די הויט פון די ביינער. פלוצלינג האָט אָנגעהויבן

רווישן, עס האָט אויסגעוויזן ווי דאָס געררויש פון פאַרנדיקע אויטאָס, און נישט לאַנג וואַרטנדיק האָט זיך געהערט זייער נאָענט ריידן. ווער קען דאָ זיין אַזוי פרי? גאַנץ באַזונדער קומט נישט קיינער אין דעם וועלדל. יונגע נישט געריייניקטעביימער, נישטאָ דאָ קיין יאַגעדעס און אויך נישט קיין שוואָמען.

מיר זיינען זיכער געווען, אַז דאָס זיינען זשאַנדאַרמען געקומען אויף אַן אַבלאַווע. אַרויסגיין פון וואַלד איצט איז זינלאָז. אויב אַן אַבלאַווע, איז דער וואַלד שוין אַרומגערינגלט. מיר דערווייטערן זיך פון דער גרוב און קריכן אַרויף אויף ביימער. זייער לאַנג זיינען מיר געזעסן אויף די צווייגן, אַזוי ווי פייגל ביי די נעסטן. דאַן האָט זיך דערהערט קלאַפּן. דאָס האָבן אַרבעטער געאַרבעט ביי דער קליינער באַן-ליניע, וואָס שניידט אַדורך דאָס וועלדל. געווים האָבן זיי דאָס געערעדט. מיר קריכן אַראָפּ און עסן אָפּ אַ שטיקל ברויט מיט ציבעלע און נעמען זיך צו דער אַרבעט אין דער אָקאָפּע.

אויסגעשעפּט דאָס וואַסער, אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט, געמאַכט ריין צום וואוינען. פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט זיינען מיר אַרוים אין דער הויף, אָנגעשפּאַרט זיך אָן אַ בוים, אויסגעגליכן די ביינער פון זיצן אַ פּאָר שעה איינגעבויגן ביים רייניקן די גרוב.

צווישן די געדיכטע ביימלעך, וואָס זיינען געווען קינסטלעך אויסגעשטעלט אויף דער אָקאָפּע, האָט אַרויסגעשוועבט אַ מענטש מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס. איך האָב אַ שפּרונג געטאָן אין דער צווייטער זייט און אָן ווערטער אַ שלעפּ געטאָן פאַליקן נאָך זיך. איך האָב געהערט נאָכשרייען ווערטער, וועלכע איך האָב נישט געקענט אויפכאַפּן. לויפנדיק צווישן די ביימער, האָבן מיר זיך פאַרמישט און אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטן.

זייענדיק ווייט אַוועק, בין איך זיצן געבליבן און געקלערט וואָס צו טאָן. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז אויך געווען אַ וואַנדערער. אַנדערש, וואָלט ער אונדז נאָכגעשאָסן. אָבער עס איז נישט געוואונטשן טרעפן זיך מיט זיי, ווער עס זאָל נישט זיין ,אָבער קיין ייד איז דאָס נישט געווען. מיט אַלע אַנדערע איז גלייכער זיך נישט טרעפן. איך האָב גענומען נאָכזוכן דעם וועג אויף אַרוים פון וואַלד, און אַזוי גייענדיק האָב איך זיך צוריק צוזאַמענגעטראָפן מיט פאַליקן.

ער איז שוין געווען ביי דער אָקאָפּאָע זוכן די געלאָזענע זאַכן, אָבער דאָס שטיקל ברויט מיט דער פלאַש וואַסער איז נישט געווען. דער פּאַרשוין האָט דאָס צוגענומען. אַז די אָקאָפּע איז שוין אַנטדעקט, קאָנען מיר דאָ מער נישט בלייבן. אומזיסט איז געווען אונדזער מאַטער.

30טער יוני.

ווידער אַליין

כ׳בין שוין ווידער אַליין. פּאַליק האָט אָפּגענומען פון זיין שכן זיינס אַן אָנצוג און איז געגאַנגען זוכן עס זאָל אים ווער האַלטן דער־פאַר. גאַנץ מעגלעך, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן. דער יקרות איז זייער גרויס. אַן אָנצוג, האָט איצט די ווערדע פון 5000 זלאָטעס און אויך פאַר דעם געלט איז דאָס נישט צו קריגן. איך נאָך קיין זאַכן קען נישט גיין. צוליב די זאַכן, וואָס מיר האָבן געלאָזן ביי שכנים, ווער איך מער פאַרפאַלגט. זיי וואָלטן וועלן אויך פון מיר פּטור ווערן, דאַן וועלן זיי זיכער זיין מיט דעם רויב. די זאַכן האָבן אומ־געבראַכט זייער פיל יידן. מיר האָבן דאָס געדאַרפט לאָזן אויף הפקר גלייך מיט די אַנדערע פאַרמעגנס. אונדזערע אויגן זיינען געווען פאַרבלענדט. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן אַמאָל קומען צוריק... האָבן מיר געגעבן אונדזערע שכנים . . . צו באַהאַלטן אַלץ, וואָס איז ווערטפול. ווען איך קום צו אַ שכן, וואָס האָט גאַרנישט אונדזערס, נעמט ער מיך אויף גאָר אַנדערש. די זאַכן אָבער לאָזן מיך נישט איבער דער שוועל, און דאָס זיינען שוין די בעסערע . . . די אַנדערע לויפן רופן זשאַנדאַרמעריע.

1טער יולי.

ווידער קרבנות

עס איז נישט קיין נייעס. נישטאָ די וואָך מען זאָל נישט פירן צום שיסן אַרומוואַנדערנדיקע, אומגליקלעכע יאַנעוווער יידן.

היינט האָט פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט געשען:

איך בין די נאַכט געקומען אין דאָרף ראָמאַנעווע, אין דעם קאָרן פון גוטן פויער אונטער דעם באַרנע-בוים. ווען עס האָט אָנגעהויבן רעגענען, בין איך איבערגעגאַנגען אין אַ קליינער אָקאָפּע אויף דער לאָנקע, וואָס איז געווען צוגעגרייט אין פאַל פון אַ באָמבאַרדירונג. מיטאָג-צייט איז צוגעקומען דער פויער און אָט וואָס ער האָט דער־ציילט:

צען מאַנאַטן האָט ער אויסבאַהאַלטן שייקע גאָלדערינגס צוויי מיידלעך. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מען אים צו וויסן געגעבן, אַז מען קלייבט זיך צו אים אויף אַ „רעוויזיע". האָט ער די מיידלעך אַריינגעפירט צו זיין ברודער, וואָס וואוינט בשכנות. די נאַכט זיינען די מיידלעך אַוועק אין שטאָט און אַליין זיך איבערגעגעבן צו די זשאַנדאַרמען. היינט פרי האָט מען זיי דערשאָסן. זיי האָבן אויך דערציילט, ווער עס האָט זיי אויסבאַהאַלטן. דער פויער ריכט זיך אויף אַ באַזוך פון זשאַנדאַרמעריע. ער וויינט און וואַרפט זיך אין גאַנצן, נישט פון שרעק פאַר די פאָלגן, זאָגט ער. — איך בין שוין אַלט 55 יאָר, עס קען געשען מיט מיר וואָס עס וויל, נאָר אַזעלכע יונגע קינדער זאָלן פוילן אין דער ערד. איך האָב זיך אַזויפיל געמאַטערט מיט זיי, און איצט איז אַלץ אַרויסגעוואָרפן. זיי זיינען געווען אַ גרויסע פאַמיליע. אפשר לעבט זייערס אַ ברודער אין לאַשיץ? ווי גליקלעך וואָלט איך געווען אים בּרענגען צוויי געראַטעוועטע שוועס־טער . . . ער זאָגט, אַז די מיידלעך זיינען אַראָפּ פון זינען. עס איז קיין וואונדער ניט. אַזויפיל ליידן אויסצושטיין! אַ צייט זיינען זיי געזעסן אין וואַלד, אין אַ גרוב פאַרדעקט מיט צווייגן. ביינאַכט פלעגט דער פויער זיי ברענגען עסן. אַ סך מאָל האָבן זיי געדאַרפט אַליין נאָך דעם קומען. אויפן וועג האָט זיי ווער באַפאַלן, עס איז זיי גע־לונגען צו אַנטלויפן. דאַן האָט זיי דער פויער געהאַלטן ביי זיך אויפן הויף אין אַ גרוב אונטער אַ קאַסטן, ווינטער אין גרויסע פרעסט. זיין פאַמיליע האָט דערפון נישט געוואוסט. זייער שווער איז אים אָנגע־קומען זיי צו שפּייזן. שפּעט ביינאַכט האָט ער געגנבעט אין שטוב אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר קאַרטאָפל מיט שאָל, וואָס זיינען געווען צוגעגרייט פאַר די חזירים, און דאָס אַריינגעוואָרפן צו די מיידלעך

אין גרוב. פון שטענדיקן זיצן האָבן זיי זיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס.

מיט דער הילף פון זיינס אַ פריינט, אַ סאָלטיס, האָט ער צוגע־גרייט זיי צו שיקן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט אַלס קריסטינס. ווען אַלץ איז געווען גרייט, אויך די פאַלשע מעטריקעס, איז געקומען דער סאָלטיס זיי נעמען. זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג און אָפּגע־שטאַנען. דער סאָלטיס האָט זיך דערפון אָפּגעוואָרפן. „ווי אַזוי קען איך זיך פאַרנעמען מיט שלאָפע". אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעמאַטערט צען מאָנאַטן און היינט אַ סוף געמאַכט צו די ליידן.

2טער יולי

ביי דער סאַזשעלקע

די נאַכט בין איך געגאַנגען 15 קילאָמעטער, צו דער סאַזשעלקע פון גוט ציליע שניצע. איך מוז געפינען די יאַנעווער יידן, וואָס האַלטן זיך אויף אין וואַלד. די סאַזשעלקע איז ביים וואַלד קאָמיענוכע, דאָס איינציקע אָרט וואו זיי קענען נעמען וואַסער. אַ נייע פּאַר מיר געגנט. איך בין נאָך קיינמאָל דאָ נישט געווען.

איך האָב אָנגעריסן אויף די גערטנער גרינוואַרג, וואָס וועט זיין מיין שפּייז. איך וועל דאָ זיין ביז איך וועל זיי געפינען. דאָס איז מיין איינציקע האָפענונג.

דאָס קאָרן איז דאָ אויסגעלייגט פון שטורעם און רעגן. איך באַהאַלט זיך אין האָבער. עס פּאַשען זיך אַרום בהמות. די פּאַסטוכער קריכן איבעראַל אַרום. עס קען זיך זיי פאַרגלוסטן צו פאַרבלאָנדזשען צו מיר. איך ליג אויף דער האַרטער ערד מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. עס שטיקט מיר דער הוסט. איך פאַרגראָב דעם קאָפּ אין מאַנטל און נאָרע זיך צו דער ערד און דערשטיק דעם הוסט אין זיך.

16טער יולי.

איך זע נישט קיינעם

די דריטע וואָך שוין ווי איך בין אויף דער וואַך. צען נעכט בין איך געזעסן ביי דער סאַזשעלקע. אַ פּאָר נעכט אַרומגעגאַנגען אין

וואַלד, אפשר וועל איך הערן אַ קלאַפּ, אָדער אַ קלונג. אָבער אַלץ אַרום איז שטיל. איך הער נישט קיינעם. איך בין שוין פאַרמאַטערט פון וואַך זיין. 15 נעכט אויף די פיס. איך שלאָף אויך נישט בייטאָג. איך בין דאָך אין פיל געפאַרן. מיין שפייז האָט זיך שוין אויך אויסגעלאָזט, נישטאָ דאָ קיין גערטנער מיט גרינוואַרג.

פון מיין איינציקער האָפענונג האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט.

מען שניידט שוין דעם קאָרן. עס ווערט צוגענומען מיין היים... כ'ווייס נישט וואָס ווייטער טאָן.

18טער יולי.

אַ זעלטן גוטע דערנערונג

שוין צוויי טעג ווי איך לעב מיט גרינע קערנער. איך האָב געפונען אַ זעלטן גוטע דערנערונג. ביינאַכט האָב איך אַריינגעבראַכט אין מיין נעסט אַ סנאָפּ קאָרן, רייב אויס די זאַנגען און עס די קערנער. אַלץ איז גוט, אַבי צו דערהאַלטן די נשמה.

איך וויל צוואַרטן דאָ נאָך אַ פּאָר טעג, אפשר וועל איך זיי פאָרט געפינען.

די לעצטע נעכט זיינען זייער קאַלטע. עס פאַרגייט מיר אין די פיס. עס פעלט נישט קיין רעגן אויך. דאָס אָנטאָן אויף מיר איז שוין פאַרפוילט. שוין באַלד אַ יאָר ווי איך וואַלגער זיך אין דעם. עס הענגט דערפון פאַסן.

מיינע האָר זיינען לאַנג, גענוג צו פלעכטן פון זיי צעפּ. פון האַלץ האָב איך אויסגעשניצט אַ קעמל און גלייך זיי יעדן טאָג צו.

20טער יולי.

פאַרהאַלטן דורך אַ באַנדיט

מיין לעצטע רעטונג איז צוגיין אין דער אָקאָפּע פון סערווינער וואַלד, וואו איך האָב מיט פאַליקן געלאָזט די קאַרטאָפל. איך וועל אַליין זיין אין דער אָקאָפּע און לעבן פון וואָס איך וועל אָנטרעפן אויף די פעלדער. איך האָב שוין אויפגעגעבן יעדע האָפענונג פון געפינען וועמען.

כ'בין געגאַנגען מיט דער קליין־באַן־ליניע, וואָס ציט זיך פון דעם גוט ציליעשניצע קיין ביאַלע און שניידט דורך דעם סערווינער וואַלד. דער גאַנצער געגנט איז פאַרוואַקסן מיט קשאַקעס אוןביימער. ווען איך האָב זיך דערנעענטערט צום וואַלד, האָט ווער אַ געשריי געטאָן: „סטאַי״! ווער גייט? — האָט מען געפרעגט אין פויליש. טראַכטנדיק פון די יידן אין וואַלד, האָב איך געענטפערט: אַ ייד!

— פון וואַנען און וואוהין?

— איך ווייס נישט, איך וואַנדער אַזוי אַרום, — האָב איך געענטפערט.

— ווי איז דעם יידנס נאָמען? — די הענט אויף!

איך האָב אַלץ געטאָן צום באַפעל.

פון וואַלד איז אַרויס אַ גוט געקליידעטער מאַן מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס. אין האַנט האָב איך געהאַלטן אַ קליין זעקעלע ציבעלעס, וואָס איך האָב אָנגעריסן אויפן וועג. ער האָט מיך אָפּגעשטויסן פון דעם זעקעלע און מיך באַזוכט. נאָכהער האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס זעקעלע און דערזעענדיק די ציבעלס, האָט ער אַזש אַ געשריי געטאָן: — דו געהסט אַרום און גנבעסט. איך האָב אים געפרעגט: איז דאָס גנבה, ווען איך בין אַזוי אומגליקלעך און נעם אַ פּאָר ציבעלעס צו דערהאַלטן דאָס לעבן?

— פאַרוואָס גייסטו נישט, וואו יידן זיינען דאָ?

— איך ווייס נישט פון קיינעם, — האָב איך געענטפערט. — אפשר ווייסטו? — האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט מיר נישט געענטפערט און געהייסן שנעל אַוועקגיין.

איך האָב זיך דערווייטערט פון אים און אַריין אין וואַלד. עס איז געווען נאָענט פון דער אָקאָפּע. איך האָב צוגעוואַרט ביז טאָג צו זען די סטעזשקע, וואָס פירט צו דער גרוב. מיט שנעלע טריט בין איך באַגינען געלאָפן צו דער אָקאָפּע. אַ פריש אויסגעטראָטענער וועג. איך בין זיכער געווען, אַז איך וועל ווערמען דאָרט טרעפן, נאָר וואו איך גיי, איז יעדע הילף ווייט פון מיר. עס איז דאָ ווער געווען, מען האָט גענוצט פון די קאַרטאָפל, עס ליגט פרישע שאָל, ווידער אָנגעשמוצט, נישטאָ קיין זאַכן און נישט קיין מענטשן.

22סטער יולי.

אין שטאָט

היינט געפין איך זיך אין שטאָט. איך נויטיק זיך אין אַ פּאָר כּלים און וואָס צו קאָכן. פון אַ שכנס פלויט האָב איך אַראָפּגענומען אַ סאַגן מיט אַ קעסל אויף וואַסער.

איך האָב דאָס געטאָן אָן געוויסן־ביסן פאַר גנבה, ווייל דאָס איז בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון דעם, וואָס דער שכן האָט ביי אונדז צוגענומען. איך האָב דאָס אַרויסגעטראָגן אונטער דער שטאָט און באַהאַלטן אין דער תבואה. דאָן איז מיר געקומען אין געדאַנק צו גיין איינמאָנען אַ פּאָר זאַכן. איך בין צו צום פענצטער פון דעם קראָקאָווער אַדוואָקאַט און שטיל אים אויפגעוועקט. איך האָב פון אים געבעטן מיין פוטערנע מאַרנאַרקע, קאַלטע נעכט, עס וועט מיר העלפן אין וואַלד.

„אפשר זאָל איך דאָס דיר באַזאָרגן ערגעץ?" — האָט ער גע־פרעגט.

— ניין, — האָב איך געזאָגט, — האַלבע נאַכט, מען זעט נישט קיינעם, קענסט דאָס מיר גלייך געבן.

ער האָט דאָס מיר אַרויסדערלאַנגט דורכן פענצטער. זעענדיק אַז עס האָט זיך מיר איינגעגעבן אין דעם אָרט, בין איך געגאַנגען ווייטער, הגם מיט יעדן טריט שטעל איך איין דאָס לעבן; אָבער דאָס רעכנט זיך נישט, מיט דער נשמה אין דער האַנט — און דאָך גייט מען. דאָ האָט מען פאַר מיר ברייט געעפנט די טיר, אָבער גאָרנישט געגעבן. איך האָב געבעטן אַן אָנצוג, זאָגנדיק, אַז פאַר דעם אָנצוג וועל איך זיך ראַטעווען, ס'וועט מיר ווער האַלטן איבער דעם ווינטער.

— „ס'וועט דיר קיינער נישט האַלטן", — האָבן זיי געזאָגט, — „דו וועסט בלויז דאָס איבערפירן".

זיי דאַגהן זיך, אַז איך וועל איבערפירן מיין אָנצוג . . . ווען איך אַליין ווער איבערגעפירט — דאָס קימערט זיי גאָרנישט. זעענ־דיק, אַז איך וועל גאָרנישט מאַכן מיט זיי, בין איך אַרויס פון שטוב.

ס'איז שוין געווען שפּעט, אין וואַלד וואָלט איך נישט באַוויזן אָנציען, בין איך אַוועק אין שטאַל. ביי דער שטאַל וואַקסן קאַרשן־

ביימער, האָב איך אָנגעריסן אַ ביסל אין די קעשענעס. מען דאַרף עפּעס עסן — איך זיץ אין דעם שטרויענעם קאַרב און וואַרט אויף דער נאַכט צו גיין אין וואַלד.

22טער יולי.

ווידער אַ באַנדיט

באַלאָדן מיט די כלים און מיט אַ שפּאַר פּעקל גרינוואַרג בין איך געגאַנגען אַהיים . . . אין דער וואַלד־אַקאַפּע.

דער וועג איז מיר זייער שנעל אַדורך. ווען איך האָב זיך דער־נעענטערט צום וואַלד איז מיר ווידער וועך אַנטקעגן געקומען, ווידער אַ טונקעלע פּערזאָן. נאָר דער איז געווען פיל געמיינער. ער האָט מיר אַראָפּגעצויגן די שיך פון די פיס. כ׳האָב אים געבעטן, אויפ־געקלערט אַז די שיך זיינען פאַר מיר אַ לעבנס־פראַגע, איך האָב שלעכטע פיס און קען נישט גיין באָרוועס אויף די פעלדער. די דער־נער מאַכן מיר וואונדן אויף די פינגער. ער האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין פּנים און צוגעוואָרפן אַ געמיין וואָרט, געהייסן מיר זיך אָפּ־טראָגן.

מען לייגט מיר שטיינער אויף מיין פינצטערן וועג. אויך האָט מען אין גאַנצן וואַלד געקלונגען מיט אייזנס. ס׳איז נישט די ערשטע נאַכט מיר צו זיין אין וואַלד, כ׳האָב דאָס ביז איצט נישט געהערט.

אַ דערשלאָגענער פון דעם אינצידענט בין איך אַריין צווישן די ביימער, אין דער פינצטער קען איך נישט טרעפן צו דער גרוב, איך מוז וואַרטן ביז ס׳ווערט טאָג.

אַראָפּשטעלנדיק דאָס זעקל פון דער פּלייצע, האָבן די כלים אַ קלונג געגעבן, דאַן האָט מיר ווער באַלויכטן מיט אַן עלעקטרישן לעמפּל.

אַ דערשראָקענער פון דעם אַלעמען, האָב איך אויסגעטאָן די זאַכן און אַרונטער הינטער די קשאַקעס. כ׳האָב קיינעם נישט גע־זען און אויך נישט געהערט קיין טריט. ס׳איז נאָך געווען ווייט פון טאָג. איך בין איינגעשלאָפן.

ס׳האָט מיר אויפגעוועקט שוין גרויסער טאָג.

ווען איך בין אריין אין דער אָקאָפּע, האָב איך גלייך באַמערקט אַז אין דעם טאָג פֿון מיין אַפּוועזנקייט איז דאָ ווער געווען. פֿון דער פלאַש וואַסער, וואָס איך האָב דאָ געלאָזן, האָט מען האַלב אויסגעטרונקען. מען האָט אויך צוגענומען די פּאָר ציבעלעס. איך ווייס נישט ווער ס'קומט אַהער, און כ'וויל נישט צופיל קלערן. גאַנץ מעגלעך, אַז ס'איז אַ געפֿאַר פֿאַר מיר דאָ צו בלייבן, אָבער איך האָב קיין אַנדער אויסוועג נישט.

איך פֿאַרנעם זיך דעם טאָג מיט צוגרייטן מיין ווירטשאַפֿט. איך מאַך אָרדענונג אין דער גרוב, קלייב צוזאַמען האָלץ פֿאַר דער קיך, כ'האָב אויך אָנגעשיילט קאַרטאָפֿל אויף ביינאַכט צום קאָכן. דאָס מאָל וועט גענוג זיין דאָס ביסל וואַסער פֿון דער פלאַש, כ'וועל ביינאַכט ברענגען וואַסער פֿון אַ קאַלוזשע וואָס געפֿינט זיך צוויי קילאָמעטער פֿון וואַלד.

אין סופֿיט האָב איך געפֿונען אַ לעפֿל. דאָס איז די לעפֿל, מיט וועלכער מיין שוועסטערס זון האָט געגעסן (פֿאַליק האָט מיר דאָס געזאָגט). צי האָט זיך דער 16־יאָריקער יינגל געריכט ביים אַוועקלייגן דאָס לעפֿל, אַז ער וועט דאָס שוין מער נישט נוצן?.. און איצט רייניק איך דעם זשאַווער פֿון דער זילבערנער לעפֿל. איך מאַך דאָס גרייט פֿאַר מיר. און צי וועל איך מיט דעם לאַנג עסן?..

23טער יולי.

באַגעגנט אין גרוב

מיין פֿינצטערקייט האָט שוין דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. דאָס נעכטיקע בילד האָט שוין גאָט אַליין צוגעזען.

איך האָב זיך די גאַנצע צייט אַזוי נישט באַדויערט, הגם קיין זאַך איז פֿאַר מיר קיין נייס נישט אין דעם אומגליקלעכן לעבן: הונגער, קעלט, איינזאַמקייט — אַלדאָס בייז און שלעכטס, נאָר ביז איצט האָט מיר דער אימפּעט געטריבן פֿון איין אָרט צום צווייטן, און מיין געדאַנק איז געווען פֿאַרנומען מיט דעם ווייטערדיקן וואַנדערן. און אויך האָב איך געדענקט, אַז אָט וועט זיך אַלץ ענדיקן שנעל. איצט איז פֿאַר מיר אַנטשטאַנען די איינזאַמקייט אין וואַלד, וואָס

ווערט געשטערט פון באַנדיטן און די גרוב וואָס זעט מיר אוים ווי אַן אייביקייט.

כ׳בין געשטאַנען אויף דעם לייטער אין דער העלפט אַרויסגע־בויגן פון גרוב און צוגעקוקט ווי ס׳פאַלט צו די נאַכט אין וואַלד. אַלץ איז שטיל אַרום, קיין קלאַנג פון קיין לעבעדיק באַשעפעניש. אַ שווערער אומעט איז מיך באַפאַלן, אַן אומעט פון וועלכן כ׳האָב זיך צעוויינט. דער שטילער וואַלד האָט מיר צוגעהערט, אָבער קיינער האָט מיר קיין ענטפער ניט געגעבן.

ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָב איך געמאַכט אַ פייער און אָפּגעקאָכט אַ טעפּל קאַרטאָפל. נעמענדיק די ערשטע לעפל צום מויל, האָב איך דערהערט ברעכן די צווייגן ביי דער אָקאָפּע, און באַלד האָט מען אויפגעדעקט דאָס טירל וואָס כ׳האָב צוגעדעקט ס׳זאָל דאָס פייער נישט אַרויסשיינען, און באַלויכטן מיך מיט אַן עלעקטריש לעמפל. פאַר שרעק איז מיר אַרויסגעפאַלן דאָס טעפּל פון האַנט. אויף דער ערד זיינען פאַרבליבן די פאָר קאַרטאָפל, אויף וועלכע איך האָב געוואַרט 4 וואָכן.

און באַלד האָט מען אויסגעשריגן: — מענדל, וואָס טוסטו דאָ, אַליין? — איך בין געזעסן אַ צעטומלטער.

עס האָבן מיך אַרומגעכאַפּט הערשל גאָלדבערג, משה קאַרמאַן, הערשל דער טשעלאַק מיט זיין שוואָגער בערקע.

אין קורצן האָבן זיי מיר איבערגעגעבן פון זייער לעבן אין וואַלד. ס׳איז דאָ מיט זיי אויך אַ פרוי, לאַנע סעגאַל (אַנטסעלעם טאָכטער). זיי זיינען אין דער אָקאָפּע געזעסן אַ גאַנצן ווינטער, ביז פאַסטעכער האָבן זיי באַמערקט. דאַן זיינען זיי איבערגעגאַנגען אויף אַ צווייט אָרט. איין מאָל אין וואָך קומען זיי דאָ קאָכן. טרעפנ־דיק דאָ מיינע זאַכן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אַ ייד בלאָנדזשעט אַרום דער גרוב. נעכטן, גייענדיק ביים וואַלד, האָבן זיי דערשפּירט רויך, איז מען אַריינגעקומען זען ווער דאָ איז.

איילנדיק האָט מען מיר דאָס איבערגעגעבן, זיי גייען אין ווייטן וועג שאַפן עסן. קומענדיק צוריק וועט מען מיך מיטנעמען אויף זייער אָרט.

24טער יולי.

מיט די יאַנעווער יידן

נעכטיקער טאָג האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט די נאַכט זאָל צופאַלן, דאַן בין איך אַרויס אויף דעם וועג. אַ גאַנצע נאַכט בין איך דאָרט געזעסן און אומגעקוקט די אַזוי לאַנג זוכנדיקע יאַנעווער יידן.

מיטן טאָג גלייך זיינען זיי אָנגעקומען, באַהאַנגען מיט זעקלעך ברויט. זיי האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ קליין וועלדל. יונגע און נידעריקע ביימער. טיף אונטער קשאַקעס שטייען 3 ביידלעך, לעבן וועלכע ס'איז געזעסן לאַנע אַנטשעלעס, וואָס וואַכט אַליין ביי די ביידלעך, ווען די מענער גייען אַוועק שאַפן עסן. זי איז מיר אַנטקעגנגעלאָפן און מיט פרייד באַגריסט.

די חברה האָבן אויסגעשאָטן דאָס ברויט פון די זעקלעך אויף אַ גרויסער פּלאַכטע, און אַ געשריי געטאָן צו מיר: „עס, מענדל, וויפל דו קענסט!” זיי האָבן לאַנג נישט געדאַרפט מיך בעטן, צען מאָנאַטן האָב איך געהונגערט, און דאָ אַזוי פיל ברויט! זיי האָבן מיר אויך געגעבן צום ברויט פּוטער און מילך.

ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דעם עסן, האָט מען זיך פאַרנומען מיטן אויסערלעכן אויסזען, אַרומגעשוירן מיינע לאַנגע האָר און געגעבן מיר עפּעס אָנצוטאָן. קיין שיך האָבן זיי אַליין נישט, זיי טראָגן „לאַפּטשעס”. לאַנע האָט גלייך אויפגענייט אַ פּאָר אויך פאַר מיר.

פאַרמאַטערט פון וועג, איז די חברה איינגעשלאָפן, בלויז לאַנע זיצט לעבן מיר.

מיט וואָס מער יידן מען טרעפט זיך, אַלץ גרוילעכערע זאַכן ווערט מען געוואָר.

לאַנע האָט בייגעוואוינט דעם חורבן אין מעזריטש, צו וועלכן זי האָט בייגעשטייערט איר 6 חדשימדיק קינד. די רוצחים האָבן דאָס אַרויסגעריסן פון אירע הענט און צעשמעטערט דאָס קעפּל אָן די שטיינער פון גאַס. זי מיט נאָך 19 פרויען זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אויף דעם בית-עולם וואו מען האָט זיי דערשאָסן. איר האָט די קויל

בלויז געטראָפן אין האַנט. זי איז ביינאַכט אויפגעשטאַנען פון דעם בארג מתים און געלאָזט זיך גיין אין דעם דאָרף קיטאַנקע. דאָרט האָט איר אַ פויער צוזאַמענגעבראַכט מיט איר מאַן בערקע און שוועסטער היידל (זי איז אומגעקומען מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק). זי צעוויינט זיך ווען זי דערמאָנט היידלען. דער ברודער הירשל איז בלויז אַ פּאָר וואָכן דאָ מיט זיי. ער איז אַנטלאָפן פון מאַלעשעוויטשער לאַגער.

צרות אָן אַן ענד, מען הערט זיי אויס און מען איז שטאַרק גענוג די ליידן איבערצוטראָגן. מען זאָרגט זיך פאַרן עסן, מען וויל לעבן.

2טער אויגוסט.

דאָס לעבן אין וואַלד

קיינער פון אונדז האָט קיין געלט צו צאָלן פאַר עסן, מיר מוזן גיין בעטן פון די פויערים. נאָר נישט אַלע ווילן אַזוי גרינג געבן. מיר מוזן דערצו צולעגן אַרבעט און וויטן ווער. מיר בעטן נישט פון שכנים נישט צו באַלאַסטיקן זיי, אפשר וועלן זיי אונדז נישט נאָכזוכן. מיר לייגן אָן וויטן ווער. הערשל גאָלדבערג קען די געגנט. קליינע קאָלאָניעס. אַ פּאָר הייזער.

מיר שטעלן זיך פאַר ווי סאָוועטן. בערקע רעדט אַ גוטן רוסיש, מיר האָבן אַ סאָוועטישע היטל. בערקע טוט אָן דאָס היטל און קלאַפּט אין פענצטער, וועקט אויף דעם פויער. בעט ברויט, קאַשע אָדער מילך. די אַנדערע שטייען מיט שטעקנס אַדורכגענומען דורכן אָרעם וואָס זעט אויס פון וויטן ווי ביקסן. . .

ווען דער פויער דערזעט דורך דער פענצטער אָט די פּורים־שפּיל . . . ווערט ער אויפגעציטערט און דערלאַנגט דאָס ברויט אין גרויס איילעניש. אַנדערע זאָגן נאָך: „עסט געזונט און גאָט זאָל אייך פירן", אַ צופרידענער וואָס ער איז אָפּגעקומען מיט אַ לאַבן ברויט . . . אַזוי ווערט געזאַמלט ברויט, זאַלץ, קאַשע און מילך.

יעדע וואָך מאַכט מען אַזאַ וויזיט אין אַן אַנדער געגנט. מען קאָכט בלויז איין מאָל אין וואָך. קאָכן איז פאַרבונדן מיט

האַקן האָלץ וואָס לאָזט זיך הערן ווייט. ביים וואַלד וואוינען פויערים פאַר וועלכע מען דאַרף זיך היטן. די קאָפּע אין וועלכער מיר קאָבן געפינט זיך אַ קילאָמעטער און אַ האַלב פון אונדז, מיט דעם גאַנג שטעלט מען אין געפאַר דאָס לעבן. ס'געפינען זיך אין וואַלד אַ פּאָר טונקעלע עלעמענטן (די וואָס האָבן מיך פאַרהאַלטן) זיי טאָרן אונדז נישט זען.

וואַסער נעמען מיר אין אַ ראָוו אויף אַ לאָנקע ווייט פון וואַלד. הייסע זומער טעג, אין ראָוו איז יעצט דאָס וואַסער אויסגעטריקנט. גייען מיר שפּעט ביינאַכט צו אַ ברונעם לעבן די הייזער וואָס שטייען נאָענט פון וואַלד.

אויך נאָך וואַסער גייען מיר איין מאָל אין וואָך.

צו פאַרגלייכן מיט מיין לעבן פון פריער, פיל איך זיך ווי אויף אַ צווייטער וועלט. ווען איך בין געווען אַליין האָבן זיך די טעג געצויגן ווי יאָרן. שוין אַ וואָך ווי איך בין דאָ מיט מיינע פריינד און ס'דאַכט זיך אַז כ'בין יעצט נעכטן אַהער געקומען.

14טער אויגוסט.

מען שיסט

2 נעכט מיט אַ טאָג זיינען מיר געווען אין וועג.

מען איז געגאַנגען זוכן אַ צווייטן אָרט זיך צו באַזעצן.

דער ווינטער איז נאָענט, און ס'זעט זיך נישט פאַר קיין ענדערונג. מיר זיינען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אָבער מיר ווייסן די פּאָליטישע לאַגע. ווי ס'זעט אויס וועט זיך דאָס יאָר דער קריג נישט ענדיקן. מיר לעבן אפשר בלויז שעהן אָבער מיר ווייסן נישט דערפון, און די זאָרג אויף ווייטער איז גרויס. מיר ווילן לעבן, אַזוי טוען מיר אַלץ וואָס מעגלעך דאָס לעבן צו דערהאַלטן.

מידע פון וועג זיינען מיר פאַרטאָג צוריקגעקומען אין אונדזער אָרט, וואו מיר זיינען גלייך אוועקגעפאַלן שלאָפן, בלויז לאָנע איז געשטאַנען אויף דער וואַך, און אין אַ קורצער ווילע האָט זי אונדז אַלע אויפגעוועקט. זי הערט, זאָגט זי, שיסן. באַלד האָט זיך דאָס שיסעריי פאַרשטאַרקט, קוילן זיינען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ. מיר זיינען אוועק פון די ביידלעך. לאָנע האָט אָנגעהויבן לויפן אין

גרויסן וואַלד, אַלע זיינען געלאָפן נאָך איר. איך האָב געפּרוּווט זי אָפּהאַלטן זאָגנדיק אַז ס׳האָט קיין זין ניט צו לויפן איבער דעם וועג וואָס פירט קיין ראַקיטנע. אויב אַן „אַבלאַווע" איז דאָס גאַנצע וועלדל אַרומגעשטעלט מיט מאַשין-געווער. אָבער קיינער האָט מיר נישט געהערט. איך בין געבליבן ליגן אונטער אַ קשאַק. ביז נאָך האַלבן טאָג האָט געדויערט דאָס שיסן. צו אונדז אין וועלדל איז מען נישט אַריין.

ווען ס׳איז שטיל געוואָרן בין איך צוגעקומען צו די ביידלעך, אָבער קיינער איז נאָך נישטאָ צוריק.

איך ווייס נישט וואָס ס׳האָט פּאַסירט. איך בעט גאָט נישט צו בלייבן אַליין.

16טער אויגוסט.

דער וואַלד שרעקט

גאַנצע טעג שיסט מען איבער אונדזערע קעפּ. דאָס ראַקיטנע דאָרף איז פול מיט מיליטער, זיי קומען צום וואַלד אויף איבונגען.

מיר ליגן גאַנצע טעג אויף דער ערד און הייבן נישט אויף דעם קאָפּ. די נעכט זיינען אויך נישט רואיק. ס׳זוכן אונדז אַרום 2 באַנדיטן, וואָס ווערן אויסבאַהאַלטן פון קאַלאַכאַוויטש, דעם לעשניק און דודקע. דאָס זיינען 2 קאָלאָניסטן וואָס וואוינען ביים וואַלד אין קייטאַנקע. זיי האַלטן די 2 טונקעלע עלעמענטן וואָס גייען אַרום ביינאַכט מיט געווער, רויבן ביי שכנישע איינוואוינער און ברענגען דעם רויב צו זיי.

ווי מיינע פריינד האָבן פעסטגעשטעלט האָבן די 2 באַנדיטן דערמאָרדעט קרופּעס 3 זין, שיע, יאַקל און דוד, זייער שוואָגער הערשל דעם קירזשנערס מיט זיין זון און אהרן שייקעס. די 7 פּערזאָן זיינען געזעסן אין אַן אָקאָפּע אין ציליעשניצער וואַלד. מיינע פריינד פלעגן זיי באַזוכן פון צייט צו צייט, פּסח זיינען זיי דאָרט געווען און די אָקאָפּע געטראָפן ליידיק, אויפן קיך איז געשטאַנען אַ קעסל געקעכץ שוין פאַרשימלט, געבאַקענע פלעצל. זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַ גרויס פאַרמעגן אין דער אָקאָפּע, קיין זאַך איז נישט געבליבן,

בלויז 2 טליתים און 3 סידורים, דאָס האָט געוויזן אַז די מענטשן לעבן נישט מער.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן פּאַסטעכער אַנטדעקט די אָקאָפּע וואו מיינע פריינד זיינען געזעסן, ס'איז געווען אַ געפאַר דאָרט צו פאַרבלייבן, זיינען זיי איבערגעגאַנגען אין דער אָקאָפּע פון די דערמאָרדעטע.

די זעלבע באַנדיטן האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיי, זיי האָבן זיך געקענט פון פריער, פון סערווינער וואַלד, אָבער זיי האָבן קיין מאָל נישט געפרעגט פאַרוואָס זיי זיינען אַהער איבערגעגאַנגען און אויך נישט דערמאָנט די אומגעקומענע.

אַ צייט שפּעטער איז באַלאַכאָוויטשעס זון צוגעקומען און געזאָגט:

— איך וואָרן דיך, לאַנע, דו זאָלסט פון דאַנען אַוועק, דו וועסט אומקומען. — אויף דער פראַגע, פון וועמען? האָט ער געענטפערט, — ס'וועט זיך שוין געפינען ווער.

די זעלבע נאַכט זיינען די 2 באַנדיטן צוגעקומען און זיי אַרויסגערופן פון דער גרוב, געזאָגט אַז זיי האָבן אַ סך שפּייז דאָ נישט ווייט און זיי זאָלן גיין מיט זיי דאָס נעמען. זיי האָבן גלייך דערזען דעם טויט פאַר זיך און נישט לאַנג געטראַכט זיינען זיי אַנטרונען צווישן דיביימער. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט, אָבער די באַנדיטן גיבן נישט אויף דאָס זוכן. זיי ווילן נישט אַז קיינער זאָל זיך אין דער געגנט אויסבאַהאַלטן, עס שטערט זיי צו זייערע אינטערעסן. מיר ווייסן אַז אין דעם וואַלד האָט זיך געפונען אליה משה פון זאַטשאַפּיק מיט זיין פאַמיליע, וועלוול יצחקס מיט דער מיידל, זיי זיינען אַלע נעלם געוואָרן אָן אַ שפור.

ס'טרינקט אונדזער בלוט ווער נאָר ס'וויל.

26טער אויגוסט.

וואו זאָלן מיר גיין?

מיר גייען פון וואַלד צו וואַלד און געפינען נישט קיין רואיק אָרט וואו זיך צו באַזעצן.

מיר געפינען זיך היינט אין דעם קאמיענוכא וואלד ביי דער סאזשעלקע וואו איך בין געווען 3 וואכן. מיר זיינען געקומען באקוקן דאס ארט צו באזעצן זיך אויף ווינטער.

דער וואלד דא איז זייער גוט, נאר ס׳געפינען זיך דא „מאנגאלן״, רוסישע קריגס-געפאנגענע, וועלכע די דייטשישע מאכט האט באוואפנט און אריינגעצויגן אין איר ארמיי.

ווי די קעץ קריכן זיי דא ארום אין וואלד אונטער אלע קשאקעס. מיר זעען זיי פון ווייטנס, און נארען זיך צו דער ערד אין שרעק. מיר בעטן גאט דער טאג זאל וואס שנעלער אדורך, און מ׳זאל קענען ביי־נאכט צוריקגיין אויף אונדזער אלט ארט, אין סערווינער וואלד, נישטא וואו צו גיין.

מיר פארלאזן זיך אויף גאטס ווילן.

30טער אויגוסט.

אויף א באזוך אין דארף ראמאנאווע

דער זומער איז צו ענד. קאלטע נעכט. מיר זיינען בארוועס און נאקעט.

כ׳האב באשלאסן צו גיין קיין יאנעווע מאנען זאכן. כ׳בין די נאכט ארומגעגאנגען איבער די יאנעווער אונטערגאסן. אין פיר הייזער האב איך אנגעקלאפט, געגעבן האט מען מיר קלייניקייטן, וואס וועלן אונדז אין וואלד נישט נוצן. כ׳האב דאס געבראכט קיין ראמאנאווע צו דעם גוטן פויער מיקאלאי איוואניוק. איך וועל אים געבן די זאכן צום פארקויפן און פארן געלט זאל ער אונדז קויפן שיך מיט הילצערנע פאדעשוועס. דאס קריגט מען פאר צוגענגלעכע פרייזן. איך זיץ דא אין גריבל אויף דער לאנקע, ס׳רעגנט. איך זע נישט קיינעם דא דורכגיין.

איך ווארט אויף דער נאכט, דאן וועל איך גיין צום שייער און רעדן מיט דעם פויער.

31טער אויגוסט.

אַ יידישע פאַרזאַמלונג

ווען דער יידישער „טאַטע" (אַזוי רופן אים די פּאָר יאַנעווער יידן) האָט מיר פאַרנאַכט דערזען אין גריבל, האָט ער מיט פרייד אויסגעשריגן „גוט וואָס דו ביסט געקומען. איך האָב פאַר דיר פיל נייעס. און ניט לאָזנדיק מיר לענגער אין גרוב, ס'איז נאָך אָגב געווען ליכ־טיק, איבערגעפירט אין שייער. ער האָט מיר אויסגערעדט פאַרוואָס איך בין באַלד נישט אַריין אין שייער, נאָר געזעסן אין דעם נאַסן גרוב? נישטאָ שוין, זאָגט ער, קיין מורא.

„די דייטשן האָבן מיט זיך צו טאָן, און די 2 מוסרים פון דאָרף האָט מען אָפּגעראַמט פון וועג" . . .

ער זוכט שוין מיר אַ פּאָר וואָכן. ערשטנס האָט מיר מייטשע פינקעלשטיין געשיקט געלט דורך אים, און באַזונדער וויל וועלוול ענגלענדער, וואָס איז אויסבאַהאַלטן ביי זיין שוועסטער אין יאַקאָ־וויק, איך זאָל צו אים קומען. וועלוול האָט זיך איצט דערוואוסט אַז איך געפין זיך צווישן די לעבעדיקע, ער האָט אָנגעזאָגט דעם פויער ער זאָל מיר גלייך צו אים ברענגען.

אין שייער האָב איך געטראָפן אַ יידישע פאַרזאַמלונג. פּערל גאָלדשעפּט וואָס האָט מיר ביים דריקן די האַנט אַריינגעלייגט עפּעס געלט. פאַליק רוזעל מיט וועמען איך בין געזעסן אַ פּאָר וואָכן אין קאָרן, שייע רוזאל און חיים בלישטיין. מיר האָבן דעם גאַנצן אָוונט צוזאַמען פאַרבראַכט. כ'האָב זיך דערוואוסט אַז אין דעם געגנט זיינען אויסבאַהאַלטן 15 יאַנעווער יידן, מיט די יידן אין וואַלד מאַכט דאָס 20, אַ שיין ביסל — פון העכער 2000 זיינען פאַרבליבן 20 . . .

שפּעט ביינאַכט איז אַריינגעקומען דער „טאַטע" און צו מיר גע־זאָגט: — איך האָב זיך באַראַטן מיט מיינע טעכטער, און מיר האָבן באַשלאָסן דו זאָלסט בלייבן ביי אונדז. די אַלע וואָס זיינען דאָ היינט געווען האָבן ערטער. בלויז פאַליק איז דאָ ביי מיר, און לעבן איינעם קען זיין נאָך איינער . . .

כ'האָב גאָרנישט געענטפערט, ס'האָט מיר געשטיקט אין האַלדז, איך האָב קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. וויפל טויזנטער

יידן האָבן געקענט לעבן, ווען ס'זאָלן זיך געפינען אַ סך אַזעלכע מענטשן ? . .

אין אַזאַ שרעקלעכער צייט איז דאָס די העכסטע דערגרייכונג. מענטשן האָבן אָנגעבאָטן דאָס גרעסטע פאַרמעגן, און ניט געקראָגן ווער ס'זאָל זיי אַריינגעמען. אַ סך האָבן צוגענומען דאָס האָב און גוטס און שאַנטאַזשירט. פיל זיינען אַליין געוואָרן די מערדער איבער זייערע קרבנות. ס'איז פאַר מיר אַ גליק, אָבער איך קען דאָס גלייך נישט אָננעמען. איך בין פאַרבונדן מיט מענטשן אין וואַלד, וועלכע זיינען אַזוי איבערגעגעבן צו מיר, ווי קען איך זיך מיט איין מאָל פון זיי אָפּרייסן ?

3טער סעפּטעמבער.

שווער צו דעצידירן

די נייעס וואָס איך האָב געבראַכט פון ראָמאַנאָווע איז אונדזער טעמע שוין אַ פּאָר טעג. שוין זייער לאַנג ווי מיינע חברים האָבן נישט געהערט פון קיין לעבעדיקן יאַנעווער. און דאָ דערצייל איך פון באַקאַנטע וואָס יעדער נאָמען איז ביי זיי ליב און טייער.

מיר ציילן אויף די פינגער די פּאָר לעבנגעבליבענע, און פרייען זיך וואָס איין זכר פון יאַנעווע איז כאָטש פאַרבליבן. אין גאַנג פון געשפּרעך האָב איך איבערגעגעבן מיינע פריינד וועגן דעם פאָרשלאָג פון דעם אַזוי גוטן פויער אין ראָמאַנאָווע, וואָס וויל מיר ביי זיך האַלטן. זייערע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, און באַוואונדערט פאַרוואָס איך דערצייל דאָס אַזוי גלייכגילטיק ? זיי דענקען אַז דאָס איז פאַר מיר אַ גרויס גליק. צי זע איך ניט ווי הפקר דאָס לעבן אין וואַלד איז ?

זיי דאַרפן מיר דאָס נישט זאָגן, איך פיל דאָס אַליין.

פון ראָמאַנאָווע און דעם וואַלד איז דאָ 13 קילאָמעטער. דער וועג בלויז אַליין איז פול מיט געפאַר. עס שלעפּן זיך אַרום מענטשן (אויב מען קאָן זיי דאָס רופן) וואָס זייער ציל איז רויבן און הרגענען, און דערצו אַ יידן . . . ס'לאָזט זיך הערן פון פאַרטיזאַנער אַנטיסעמיטן וואָס אויך זיי ברענגען אונדז אום.

ס'האָט מיר דער פויער פון דאָרף אַפילו געוויזן אַן אויפרוף פון דער פּאַרטיי וואָס פאָדערט אויף די בירגער צו העלפן אויסבאַ־האַלטענע יידן. אָבער איך ווייס פון דער הילף וואָס איך האָב פון זיי געקראָגן. אַט די פּאַרטיי פירער האָבן אונדז געהייסן פאַרטרייבן פון דאָרף.

מיר האָבן נאָך גוט אָפּגעשניטן, זיי האָבן געקענט פּטור ווערן פון אונדז אויף אַן אַנדער אופן . . .

דאָס קליינע וועלדל וואו מיר זיצן איז ביים ראַקיטנער וועג, די באַוועגונג צום דאָרף, וואָס איז דאָס גרעסטע אין דער געגנד איז זייער גרויס. ס'פאָרן פּאָליציי, זשאַנדאַרן, און ווער נישט? הערשל דער טשעלאַק ליידט פון אַ הוסט. די ציבעלע מיט דעם קנאָבל וואָס מיר נוצן צום ברויט איז פאַר אים סם. אָבער ער וויל זיך דערפון נישט אָפּזאָגן. עס קומט אַפילו צו ווערטער־אויסטויש צווישן אים און דער שוועסטער לאַנע. זי קלערט אים אויף אַז דאָס הוסטן אין וואַלד קען אויף אונדז ברענגען אַן אומגליק.

ווידער זע איך מיר אַליין אין דער גרוב אין וועלכער מיינע חברים האָבן מיך געפונען. זיי האָבן מיך אין די 5 וואָכן וואָס איך געפין זיך מיט זיי צום לעבן געבראַכט, איך בין געוואָרן אַן אַנדער מענטש. מען האַלט מיך פאַר דעם קינד, מען לאָזט מיך ניט גיין אין ערגעץ. מערסטנס בלייב איך היטן די ביידלעך.

ווי לאָזט מען איבער אַזאַ פריינדשאַפט אין אַזאַ צרהדיקער צייט? . .

5טער סעפּטעמבער.

שלעכטע נייס

שבת אוונט האָבן מיך מיינע חברים אַרויסגעפירט פון וואַלד און האַרציק זיך געזעגנט. מיר האָבן זיך געוואונטשן צו זען אויף דער פריי אין יאַנעווע.

מיין האַרץ האָט ווי געטאָן צו זען לאַנען וויינען, איר לאַגע איז באַזונדערס טראַגיש. לאַנע געפינט זיך אין אַנדערע אומשטענדן,

שוין אין גרויסע מאַנאַטן, און וואָס וועט זי טאָן אין וואַלד אין אַזאַ צייט? . .

דער וועג קיין ראָמאַנאָווע איז מיר שנעל אַדורך, איך בין גע־גאַנגען מיט דעם גדאַנק אַז ענדלעך וועל איך האָבן אַ דאַך איבער מיין קאָפּ, נישט דאַרפן זיך פּלאָגן מער אין וואַלד. נאָר ליידער האָט מיר דאָ באַגעגנט שלעכטע נייעס.

דער יידישער „טאַטע" טראַכט כסדר ווי אַזוי צו ראַטעווען וואָס מער יידן, ס'גייען אים ניט אַרוים פון געדאַנק די יאַנעווער, וועל־כע מען האָט צוגענומען פון דער וויגאָדע. צום גליק האָט מען זיי געלאָזן אין געוועזענער ביאַלער געטאָ. צוזאַמען זיינען זיי דאָרט 50 געפאַנגענע און זיינען אונטער דער אויפזיכט פון דער געסטאַפּאָ.

דער „טאַטע" איז נעכטן אַוועק מיט פערד און וואָגן צום געטאָ און אַרויסגענומען דוד פינקלשטיין, יצחק דוד דעם שטעפער, נח ראַדזינעק (אַ ביאַלער) און אויך אַ ביאַלער מיידל. זיי זיינען אַדורך די וואַך אומבאַמערקט. פינקעלשטיין מיט ראַדזינעקן זיינען אַרויף אויף דער פור, יצחק דוד מיט דער מיידל האָבן זיך שוין אויך גע־האָט דערנענטערט צום וואָגן. דאַן האָבן קריסטן זיי באַמערקט און אָנגעהויבן שרייען יידן, יידן . . .

ס'איז כדאי צו באַמערקן אַז נישט וויט זיינען געזעסן ווערמאַכט און גערייניקט געווער, אָבער זיי האָבן זיך נישט ווינדיק געמאַכט, נאָר איין פּוילישער פייערלעשער אַ טרייער נאַצי־דינער האָט פאַר־האַלטן יצחק דודן מיט דער ביאַלער מיידל. דער „טאַטע" איז שנעל אָפּגעפאָרן מיט די 2 וואָס זיינען געזעסן אויף דעם וואָגן. ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז מען יאָגט זיי נאָך, איז ער אַראָפּ און געלאָזן זיי אַליין פאָרן מיטן וואָגן.

ער איז אַהיים געקומען אַ צעמישטער, מען ווייסט נישט וואָס ס'האָט מיט זיי פּאַסירט. ער איז אין גרוים געפאַר, אויב מען האָט זיי חלילה פאַרהאַלטן מיט דעם פערד און וואָגן איז זיין גאַנץ הויז־געזינט פאַרלוירן, און דאָך שטייט ער נישט אָפּ פון זיין אַרבעט. צו זיין ביי אים אויפן הויף איז יעצט אַ געפאַר. ער האָט מיר אַריינ־געפירט אין קשאַקעס אויף זיין לאַנקע וויט אַוועק פון שטוב. עס זיצט דאָ אויך מיט מיר פאַליק רוזאַל. מיר וואַרטן אין קשאַק אויף אַ בעסערער בשורה.

6טער סעפּטעמבער.

די געפֿאַר איז פֿאַריבער

פינקעלשטיין מיט ראַדזינעקן איז געלונגען צו אַנטלויפֿן. זיי האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט מיט דעם פערד און וואָגן, און ענדלעך האָבן זיי געפֿונען אַ פויער וואָס איז פאַר אַ געוויסער סומע געלט געקומען קיין ראַמאַנאָווע אָנזאָגן וואו זיי געפינען זיך. אַליין זיי פירן האָט ער מורא געהאַט ער האָט זיי געלאָזן אין וואַלד וואַרטן, ביז ער וועט קומען מיט דעם „טאַטן". און נעכטן אָוונט האָט מען זיי אַהער גע־בראַכט. דוד איז גלייך אַוועק צו זיין פרוי מייטשע וואָס געפינט זיך אין אַ שכניש דאָרף. ראַדזינעק איז מיט אונדז דאָ אין קשאַק. עס קומט אים אָן שווער אָנצופּאַנגען אָט דאָס לעבן. עס טוען אים ווי די ביינער פון דער האַרטער ערד. די נאַכט איז אויך געווען אַ קאַלטע. ער איז זייער אַפּאַטיש. אין אַלגעמיין איז דער טאָג היינט אַ טומל־דיקער. שוין 2 מאָל דאָ היינט געווען דער „טאַטע" מיט פאַרשיי־דענע נייסן פון דאָרף. אין שטוב ביי אים הערשט נאָך אַ צעמישונג, די איבערגעשראָקענע קינדער קענען צו זיך נאָך נישט קומען. מען שרעקט זיך אויך אַז די 2 פאַרהאַלטענע וועלן נישט קענען אויסהאַלטן דאָס פייניקן און וועלן דערציילן פון וואַנען דער פויער איז געקומען מיט דער פור. מיר הערן די אַלע נייסן און האָפן אַז קיין שלעכטס וועט אויף דעם „טאַטנס" שטוב נישט קומען, וואָס איז דער שליסל פון 20 יידן.

10טער סעפּטעמבער.

אויפֿן בוידעם

4 טעג זיינען מיר געזעסן אין די קשאַקעס. ווען אַלץ איז גע־וואָרן שטיל האָט אונדז דער „טאַטע" מער נישט געלאָזט דאָרט זיין. „קאַלטע נעכט, וואָס דאַרפט איר זיך אַזוי מאַטערן, מיט גאָטס הילף וועט מיר שוין קיין שלעכטס נישט געשען. פאַרוואָס זאָל מיר גאָט פאַרלאָזן? איך גיי דאָך אויף דעם וועג וואָס ער האָט אָנגעוויזן און

ער ווייסט אַז איך טו דאָס נישט פאַר קיין געלט". אַזוי האָט ער צו אונדז גערעדט ווען מיר זיינען די נאַכט געקומען צום שטוב עסן.

אויף דעם בוידעם פון דער גרויסער אבארע וואָס איז אָנגעפילט מיט שטרוי, האָבן מיר אין אַ ווינקל אויסגעריסן אַ לאָך און דאָ האָבן מיר געמאַכט אונדזער וואוינונג. איך בין דאָ בלויז מיט פאַליקן, ראַדזינעקן האָט פרץ רידלעוויטש צוגענומען קיין יאַנעווע, וואו ער איז אויסבאַהאַלטן מיט זיין פעטער גדליה.

מען דרעשעט דאָ די תבואה, מיר העלפן צו, דערלאַנגען די סנאָפּעס אין דער מאַשין. די אַרבעט מאַכט אַ ביסל בעסער פילן. שוין אַ יאָר ווי מען זיצט איינגעדרייט די פיס אונטער זיך. איך זעען מיר אַז מיר זיינען נאָך מענטשן וואָס קענען עפּעס נוצן ברענגען.

17טער סעפּטעמבער.

צווישן מלאכים

ס'פעלן מיר ווערטער אויסצודריקן דאָס גוטסקייט פון די מענטשן. איך געפין זיך אונטער דעם איינדרוק אַז איך בין צווישן מלאכים, קיין מענטשן קענען נישט זיין אַזוי גוט אין דער אַזוי שטורמישער צייט. פראַניע איז היינט אַרויפגעקומען אויפן בוידעם און געזאָגט איך זאָל איר געבן מיין וועש צום וואַשן. איך האָב איר אָנגעקוקט און גאָרנישט געענטפערט.

— וואָס קלערט דער פּאַן? — האָט זי געפרעגט.

— איך וועל דאָס אַליין וואַשן, — האָב איך געזאָגט.

— דער פּאַן איז איצט ביי אונדז און מוז זיך אונטערוואַרפן אונדזערע פאַראָרדענונגען, און ביי אונדז וואַשן נישט מענער קיין וועש. ביטע געבן די וועש אָן קרעמפּירונג.

איך טראַכט, צי איז דאָס נישט קיין חלום? אַ קריסטלעך יונג מיידל זאָל יעצט וועלן וואַשן יידישע וועש?

ווי ציכטיק און פּינקטלעך מען היט אונדז מיטן עסן — אַלץ איז באַפּוצט ווי צו אַ שיין געדעקטן טיש.

שוין 2 מאָל ווי איך באַקום פון זיי בלומען, וועלכע איך טריקן צווישן די פאַרצייכנטע בלעטלעך פּאַפּיר.

24טער סעפּטעמבער.

באַרויבט

אין דאָרף יאַקאָוויק 2 קילאָמעטער פון ראַמאַנאָווע, ביים „טאַטנס" שוועסטער געפינט זיך וועלוול ענגלענדער און שלמה גאָלדשעפט. וועלוול האָט געהאַט אין זיין אַנטלויפן פאַרנייט אַ סך געלט.

די נאַכט זיינען צו אים אין דער „קריאָווקע" אריין 3 פּערזאָן מיט געווער און אַראָפּגענומען פון אים דאָס גאַנצע אָנטאָן. געלאָזן אים בלויז אין די אונטערוועש. אינטערעסאַנט איז אַז שלמהן האָבן זיי גאָרנישט גערירט. ס'זעט אויס אַז די רויבערס זיינען געווען אינפאָרמירט וועגן אַלץ. ס'איז געווען אַ היימיש שטיקל אַרבעט. דאָס געשעענע האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די קריסטן פון הויז. זיי האָבן מורא געהאַט, פאַר ווייטערדיקע פאָלגן. וועלוול אַליין איז אויך שטאַרק איבערגענומען פון דעם פאַרלוירענעם געלט. ס'איז אים נישט געבליבן מיט וואָס צו צאָלן דער קריסטין פאַר דעם האַלט. ער זיצט נאַקעט אין דער „קריאָווקע" און רעדט פון באַגיין זעלבסט-מאָרד. שלמה איז געקומען אַהער רופן זיין שוועסטער פּערל, זי זאָל זען וואָס צו טאָן. ער האָט מורא דאָרט צו פאַרבלייבן. גאַנץ מעגלעך אַז פּערל וועט זיי ברענגען קיין ראַמאַנאָווע.

29טער סעפּטעמבער.

אַ נאַכט פון שרעק

די נאַכט האָבן מיר איבערגעלעבט פיל שרעק.

אין שטורמישער צייט קען אַלץ געשען. דער יקרות איז זייער גרויס, יעדע זאַך איז מיט גאָלד צוגלייך. ס'שאַפן זיך באַנדעס וואָס באַפאַלן מיט געווער קליינע דערפער און נעמען צו וואָס נאָר זיי געפינען.

די נאַכט האָט מען באַפאַלן אונדזער „טאַטנס" הויז, מען האָט אַלץ צוגענומען. מיר האָבן געהערט דאָס געוויין פון די מיידלעך אוןליידער נישט געקענט זיי העלפן. אַ באַנדע פון 16 פּערזאָן. זיי זיינען

געפאָרן פון שטוב צו שטוב, ביים סוף פון דאָרף האָבן זיי אָנגעיאָגט די 4 פּאַרטיזאַנער וואָס האַלטן זיך אויף דאָ אין דאָרף און פאַרפירט אַ קאַמף מיט זיי.

די קוילן זיינען געפלויגן איבער אונדזער דאַך. מיר האָבן זיך פאַרגראָבן אין דעם שטרוי. נאָך אַ לענגערער שיסעריי האָבן זיך די באַנדיטן צוריקגעצויגן לאָזנדיק דאָס רויב אין דאָרף. מען פרייט זיך מיט די זאַכן, אָבער דאָס האָט זיך געלאָזט הערן ווי ווייט. עס ווייס דערפון די מאַכט. באַלד נאָך דעם אינצידענט זיינען אָנגעקומען אַ גרענעץ־וואַך, מיט פּאָליציי פון יאַנעווע, און פאַרפירט אַן אויס־פאָרשונג. מען האָט זיי געזאָגט אַז דאָס האָבן די באַנדיטן געשאָסן. דאָס דאָרף ווייס פון גאָרנישט. אָבער צי וועלן זיי דאָס גלויבן?

1טער אָקטאָבער.

אין פּייער

דאָס גאַנצע דאָרף איז אַרומגערינגלט פון זשאַנדאַרן. מיר הערן זייערע ווילדע געשרייען. זיי גייען פון הויז צו הויז און אַרעסטירן די איינוואוינער.

ס׳ברענען שוין דריי הייזער וועלכע זיי האָבן אונטערגעצונדן. ס׳הערן זיך שאָסן. גאַנצע קאָמפּאַניעס ווערמאַכט מאַרשירן, אין אַ דאָרף פון 10 פאַמיליעס . . .

איך שטיי אויף דעם בוידעם פון דער אבארע און קוק דורך די שפּאַרעס אויף דער ווילדער טייוואָלים־שפּיל.

ס׳דראָט אונדז אומקומען אין פייער.

פּערל גאָלדשעפּט, וואָס איז די נאַכט געקומען אַהער, פרעגט וואָס וועלן מיר טאָן ווען זיי וועלן אונטערצינדן אונדזער אַבאַרע? איך קען קיין ענטפער ניט געבן. איך זע אונדז אַלעמען אין פלאַמען. ס׳וועט נישט העלפן קיין שפּרינגען פון בוידעם, די דייטשן שטייען אויסגעשטעלט אין אַ קייט. זייערע קוילן וועלן אונדז גלייך דער־גרייכן. ס׳איז בעסער אומצוקומען אין פייער ווי אַריינצופאַלן יעצט אין זייערע הענט.

דער זעלבער גורל דערוואַרט אויך וועלוועלן מיט שלמהן וואָס

זיינען יעצט ביים „טאַטנס" ברודער. אַ פּאָר הייזער ווייטער גע־פינען זיך די גאָלדהאַמערס מיט מאָטל ריזאַל.

אַ קאַלטער שוויים נעמט אונדז אַרום. ס'טיילן אונדז מינוטן פון אַ שרעקלעכן טויט.

2טער אָקטאָבער.

לעבעדיק באַגראָבן

ס'איז געשען אַ נס, לעבן אונדזער הויז איז אָפּגעשטעלט גע־וואָרן די „אַקציע". און ווי נאָר די רוצחים האָבן זיך דערווייטערט האָט אונדז דער „טאַטע" אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב און פאַרשאָטן מיט ערד, טראַכטנדיק טאָמער קומען זיי ווידער.

מען האָט אַלע פויערים פון דאָרף אַרעסטירט און אַוועקגעפירט קיין יאַקאָוויק. זיי האָבן באַפוילן זיי צו לעגן זיך מיט דעם פּנים צו דער ערד, און מיט געווער געפּאַכעט איבער זייערע קעפּ. גע־שטראָפט זיי: „איר האָט אויסבאַהאַלטן אין אייער דאָרף סאָוועטן, נאָכער יידן און יעצט האַלט איר באַנדיטן (מיינענדיק די פּאַרטיזאַנער). מיר האָבן אייך אויפן אויג שוין אַ לאַנגע צייט, און יעצט וועט איר פּאַר דעם אָלעמען באַצאָלן".

נאָך דעם רעפּעראַט . . . האָט מען אַ טייל באַפרייט. דער רע־זולטאַט איז : 6 אַרעסטירט, 1 דערשאָסן, 3 הייזער פאַרברענט מיט שטאַלן און שייערן.

ביינאַכט האָט דער „טאַטע" אַהערגעבראַכט אויך וועלוולען מיט שלמהן. מיר ליגן איינגעקוועטשט אין דעם ענגן גריבל. נישטאָ קיין לופט, מיר שטיקן זיך. מיט אַ לעפל האָב איך דורכגעשטאָכן אין דער זייט אַ לעכל צו קענען כאַפּן דעם אָטעם. די פּאַניק איז גרויס, ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז מען וועט דאָס דאָרף „ווישעדלען". די מיידלעך אין שטוב גייען אַרום און וויינען, „וואָס וועט פון זיי יעצט ווערן?" דער „טאַטע" ווידער זאָרגט זיך בלויז פאַר אונדז. ער איז היינט אַ גאַנצן טאָג נישטאָ אין דער היים. ער זוכט פאַר אונדז אַן אָרט. אָבער ווער וועט אַריינעמען 5 יידן?

4טער אָקטאָבער.

אין שייער אויפֿן פֿרייען פֿעלד

איך געפֿין זיך אין אַ שייער אויפֿן פֿרייען פֿעלד, צווישן ראַמאַנאָווע און יאַקאָוויק, וואָס באַלאַנגט צום „טאַטנס" שוועסטער.

דאָס איינציקע אָרט וואָס דער „טאַטע" האָט געקענט פֿאַר אונדז געפֿינען.

ס'איז אויך דאָ מיט מיר פֿאַליק, די אַנדערע דריי זיינען אַוועק צוריק קיין יאַקאָוויק אויף זייער אָרט.

די „סטאַדאָלע" איז אַ הפֿקר פֿלאַץ פֿאַר יעדן.

ס'קומען דאָ פֿאַר זיצונגען פֿון דער פּוילישער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע, און מיר יידן, פּוילישע בירגער, וואָס באַהאַלטן זיך אוים פֿאַר דעם זעלבן שונא ליגן דאָ פֿאַרגראָבן טיף אין דער שטרוי, און ציטערן פֿון שרעק זיי זאָלן אונדז נישט באַמערקן ... ס'איז היינט דאָ געקומען אַ פּויערטע מיט אַ קוישל און גערופֿו „יוזיאַ", מיר קענען נישט די פּויערטע און אויך נישט דעם נאָמען. גאַנץ מעגלעך אַז דאָס איז געווען די באַלעבאָסטע. אָבער מיר זיינען געבליבן אומבאַוועגלעך ווי קיינער וואָלט זיך דאָ נישט געפֿונען.

6טער אָקטאָבער.

אונדזער נייע רעטערין

די פּויערטע איז דאָ היינט ווידער געקומען. זי האָט מער נישט גערופֿן, נאָר צוגעשטעלט אַ לייטער און אַרויף אויף דער הויכער „זאַסטראַנע". זי האָט זיך גוט אַרומגעקוקט און גענומען שפּרייזן צום ווינקל וואו ס'געפֿינט זיך אונדזער באַהעלטעניש. איך בין אַרוים פֿון דער שטרוי און געפֿרעגט איר וואָס זי זוכט דאָ. זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דער אייגנטימערין פֿון דעם שייער. כ'האָב נישט געוואוסט וואָס איר צו זאָגן וועגן אונדזער זיין דאָ. אויף מיין שווייגן האָט זי געזאָגט, אַז זי ווייס פֿון אונדזער קומען אַהער, זי איז דאָ געווען מיט צוויי טעג צוריק און נישט טרעפֿנדיק קיינעם

האָט זי צוריקגעטראָגן דאָס עסן. זי האָט זיך אויך פאַרענטפערט אַז זי האָט נישט געקענט נעמען אונדז נעענטער צום הויז. דאָס גריבל אין וועלכן וועלוול מיט שלומהן זיצן איז בלויז פאַר 2 פּערזאָן, און יעצט איז דאָרט דאָ אויך פּערל. ס׳איז זיי שווער דאָרט צו זיין.

די פּויערטע איז אַן אַלמנה מיט 8 קינדער וואָס לעבן אין גרויס אָרעמקייט, דער מאַן איז געשטאָרבן אין אָנפאַנג פון דעם קריג. זיי האָבן געגוג ערד, נאָר ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל דאָס באַאַרבעטן. די קינדער זיינען נאָך קליין און דערצו מיידלעך. אַלץ ליגט אָפּגע־לאָזן. די פּאָר זלאָטעס וואָס זי קריגט פון די צוויי יינגלעך איז בלויז אויף ברויט פאַר זיי אַלעמען. און יעצט זיינען מיר געקומען העלפן דאָס אָרעם שטיקל ברויט, — העלפן עסן.

11טער אָקטאָבער.

געבראָטענע קאַרטאָפל

אַ קליין מיידעלע פון 8 יאָר וואָס פּאַשעט דאָ אין פעלד בהמות, האָט היינט אויפגעריסן דעם שייער און האָט אָנגעהויבן עפּעס אַרויפוואַרפן אויף דער שטרוי. ס׳האָט מיר אויסגעזען ווי שטיינער.

כ׳בין אַרויס פון דער שטרוי פרעגן דאָס קינד פאַרוואָס זי טוט דאָס? דאָס מיידעלע האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט אַז דאָס זיינען קאַרטאָפל וואָס זי האָט אָנגעבראָטן אין פעלד.

אויף מיין פראַגע ווער ס׳האָט איר געזאָגט פון אונדזער זיין דאָ? האָט זי געענטפערט: „איך ווייס אויך פון די דריי יידן וואָס זיינען ביי אונדז אויפן פּאַדוועך. איך האָב זיי היינט פרי דערלאַנגט אָנבייסן, זיי האָבן מיר געהייסן אייך איבערגעבן אַ גרוס. און איך ווייס אַז יעדער האָט ליב אַ געבראָטענע קאַרטאָפל, האָב איך אַרויפ־געוואָרפן אַ פּאָר". ס׳איז ניט די צייט צופילריידן צו דעם קינד. ס׳איז געגוג אַז די מאַמע האָט איר אָנגעטרויט דעם סוד. ס׳בלייבט נאָר צו באַוואונדערן די איבערגעגעבנקייט פון די פּאָר אַזוי גוטע מענטשן, וואָס טוען אַזוי פיל אונדז צו ראַטעווען דאָס לעבן.

21טער אָקטאָבער.

נאַכט אַרבעט

שוין דריי נעכט ווי מיר ציען קראַנצן פון טאַבאַק־בלעטער. אונדזער באַלעבאָסטע האָט אַ קליינע טאַבאַק־פּלאַנטאַציע ביי דער „סטאַדאָלע״.

זי האָט געדונגען אַן אַלטע פּויערטע וואָס ציט די בלעטער אין קראַנצן צום טריקענען. שוין אַ פּאָר טעג ווי זי אַרבעט און האָט זייער ווייניק אויפגעטאָן. ס'איז בלויז אומבאַקוועם פאַר אונדז. מיר קענען זיך נישט רירן פון אָרט, די פּויערטע זיצט אין שייער און יע־דער שאָרך וועט אַרויסרופן פאַרדאַכט.

כ'האָב געבעטן דער באַלעבאָסטע צי באַפוילן דער פּויערטע בלויז רייסן די בלעטער און מיר וועלן זיי ביינאַכט אָנציען אין קראַנצן.

ווי בלינדע טאַפּן מיר אין דער פינצטער די בלעטער און ציען זיי אָן אויף דראָטן. און דאָך גייט די אַרבעט צו שנעל. זיי קענען נישט „נאַסטאַרטשען״ קיין בלעטער. מיר ווערן פאַרטיק מיט דער אַרבעט גאָר פרי. די נאַכט זיינען מיר אויך אַרום אין דער „סושאַרניע״ וואו די בלעטער ווערן געטריקנט, קאַלטע נעכט שוין, מיר זיינען גע־זעסן ביז טאָג ביים פייער, געשמועסט און אויך פאַרנומען זיך מיט בראָטן קאַרטאָפל.

25טער אָקטאָבער.

צום 1טן יאָרצייט נאָך די יאַנאָווער יידן

ס'איז אַוועק אַ יאָר נאָך דעם אומקום פון די יאַנעווער יידן, מיט זיי מיין טאַטע, 3 ברידער און 2 שוועסטער מיט זייערע פאַ־מיליעס. געוויס איז יעדן טייער זיין פאַמיליע און וואָלט געהאַט זייער פיל וועגן זיי צו דערציילן. נאָר איך דענק ס'איז גענוג צו זאָגן אַז זיי זיינען געווען יאַנעווער, און אין יאַנעווע האָבן מיר נישט גע־האַט מיט וועמען זיך צו שעמען.

ס'וואָלט זיך לאָזן זייער פיל דערציילן וועגן די מעשים פון די יאַנעווער יידן, אָבער ס'וועט גענוג זיין צו ברענגען אַ פּאָר פאַקטן

פון דער לעצטער צייט. מען זאָגט אַז אַ פריינד דערקענט מען אין אַן עת צרה און אין דער צייט האָבן יאַנעווער זייער פיל עס אַרויס־געוויזן.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָס איז געווען דער טייך בוג, איז יאַנעווע געוואָרן אַ גרענעץ־שטעטל.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלויף פון די געפלאָגטע יידן אַריבער דער גרענעץ אויף דער סאָוועטישער זייט. יעדן טאָג האָבן מיר אין יאַנעווע געהאַט אַ 50 „לויפערס", ווי מען האָט זיי גערופן. די פריינד־לעכע באַציאונג פון די יאַנעווער יידן האָט ביי אַ סך געענדערט זייער פלאַן און זיי האָבן געמאַכט זייער וואוינאָרט אין יאַנעווע. ס'איז אפשר נישט געווען פאַר זיי קיין טובה, אָבער די כוונה פון די יאַ־נעווער איז זיכער געווען אַ גוטע.

מיט דער צייט האָט זיך אַזוי אָנגעקליבן אַ 200 פּערזאָן. אין וועלכן הויז זיי זיינען אַריין זיינען זיי שוין אַזוי פאַרבליבן. נישט קוקנדיק צי ס'איז געווען גערא‌ַם, האָט מען שוין געפונען פּלאַץ. מיטן פאַרבאָטן יידן אַרויסצוגיין אונטער דער שטאָט האָט זיך די לאַגע ביי די מענטשן פיל פאַרערגערט, זיי האָבן געמוזט אָנקומען נאָך קצבה. הגם ס'האָבן נישט געפעלט קיין אייגענע אַרעמעלייט. זיי פלעגן אַרומגיין שבת פון הויז צו הויז אויסבעטלען ברויט. יעדער געוויינלעך הויז פלעגט פאַרטיילן 2 קילאָ ברויט אַ שבת. איך וויל באַמערקן אַז אַ סך מענטשן האָבן אַליין צו דער זעט קיין ברויט נישט געהאַט. זיי פלעגן דאָס אַוועקנעמען פון זייערע אייגענע קינדער און צעטיילן. שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ קיך וואו מען האָט פאַרטיילט מיטאָגן. זייענדיק דער פאַרטיילער פון דעם עסן האָט זיך מיר איינגעקריצט אַ בילד אין זכרון וואָס כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די אומשטענדן פון דער קיך זיינען געווען זייער שווערע. די וויגאָדע וואָס פלעגט צושטעלן אַ ביסל קאַרטאָפל האָט גראָד גע־שיקט געפרוירענע. נאָס האָלץ. דאָס עסן פלעגט אַרויסקומען מיט 2, 3 שעה שפּעטער ווי ס'איז געווען געמאָלדן. פאַר נוצן שמאַלץ האָט געדראָט טויט־שטראָף, אָבער מען האָט דאָך פאָרט געדאַרפט

דאָס עסן געבן אַ טעם. אין די קעשענעס פֿלעג איך אַרומטראָגן דאָס שטיקל שמאַלץ ביז דער קעסל איז פֿאַרטיק געוואָרן און פֿאַרן פֿאַר־טיילן דאָס אַריינטאָן.

אָט אין אַזאַ טאָג ווען מענטשן האָבן שוין געהאַט אָפּגעשטאַנען שעהן אין דער ריי אויפֿן נאָסן שניי, האָט זיך דער פּוילישער פּאָליציי פֿאַרוואַלט אַ שפּיל טאָן. זיי זיינען אַריין אין יידן ראַד און געמאָלדן אַז מען טרייבט קיין יאַנעווע 1000 יידן. מען זאָל פֿאַר זיי צוגרייטן עסן און וואוינונגען. באַלד איז צוגעקומען אַ פֿאַראָרדענונג אין קיך מען זאָל דאָס עסן נישט אויסטיילן, מען וועט דאָס האַלטן פֿאַר די ניי־געקומענע. איך האָב געעפֿנט דעם פֿענצטער, און זייער לאַנג נישט געקענט אַרויסברענגען פֿון מיין מויל די ווערטער: אַז מען וועט נישט אויסטיילן היינט קיין עסן. איך האָב פּשוט מורא גע־האַט פֿאַר דעם געשריי וואָס וועט אַנטשטיין. אָבער צו מיין גרויסן וואונדער האָב איך קיין וואָרט פֿון קיינעם נישט געהערט. מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ און מיט ליידיקע טעפּלעך איז זיך דער עולם פֿאַ־נאַנדערגעגאַנגען.

וואָס ס'האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט אין דער מאַמעס האַרץ אויפֿן וועג אַהיים צום הונגעריקן קינד, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געוואַרט אויף דעם טאָפּ „מן".

מען האָט אויסגעשעפּט דאָס עסן אין פֿעסלעך און אָנגעפֿאַנגען קאָכן נאָך אַ קעסל, אָבערביידע קעסלען האָבן געקאָנט סטאַיען בלויז פֿאַר 700 פּערזאָן. מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין שטאָט זאָגן באַ־לעבאַסטעס זיי זאָלן ברענגען אַ סאַגן געקעכץ צו דער קיך. פֿאַר־שטענדלעך אַז נישט אין יעדן הויז האָט מען געקענט אַריינגיין בעטן געקעכץ. און דאָ האָבן די יאַנעוויער פּרויען ווידער אַרויסגערופֿן וואונדער: ווען מען האָט אויסגעמיטן אַ הויז ווייסנדיק אַז די מענטשן האָבן אַליין נישט, איז דאָס ווייבל אַרויס און נאָכגעשריגן: „דאָ וואוינען אויך יידן, איך וועל ברענגען עסן פֿאַר 5 פּערזאָן". דאָס זעל־בע איז אויך געווען מיט וואוינונגען.

אַזאַ איבערגעבנקייט האָט געהערשט ביז דער לעצטער מינוט. אויך זייענדיק אין לאַגער האָבן מיר זיך, יאַנעווער, אָנגעזען מיט אונדזערע האַנדלונגען פֿון איינעם צום צווייטן, מיט איינשטעלן דאָס

אייגענע לעבן. ס׳האָט אַ שטאַרבנדיקער פֿון געלעגער, אין מיטן דער נאַכט געבעטן אַ ביסל וואַסער. 1500 מענער זיינען געלעגן און נישט געהערט זיין רוף. מען האָט נישט געטאָרט גיין איינער צום צווייטן, דער קראַן פֿון וואַסער איז געווען אין אַ באַזונדער צימער, אָבער דער יאַנעווער בחור האָט נישט געקוקט אויף קיין זאַך, אין דער פֿינצטער זיך דערשלאָגן צום שטאַרבנדיקן, געגעבן אים וואַסער מיט ברויט אין די לעצטע מינוטן פֿון זיין לעבן. אינדערפֿרי האָבן זיך געפֿונען בעלנים, וואָס האָבן אַרומגעזוכט דעם יאַנעווער צו קויפֿן ביי אים די מצווה פֿאַר 200 אַמעריקאַנער דאָלער. דער בחור איז געזעסן, ווי נישט אים מיינט מען.

1טער נאָוועמבער.

צוריק ביים „טאַטן"

די קלאַנגען פֿון „ווישעדלין" דאָס דאָרף, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר נישט אמת. נאָך פֿיר וואָכן אָפּזיצנדיק אין דעם שייער האָט אונדז דער „טאַטע" צוריקגעבראַכט אַהיים . . .

ס׳הויבט שוין אָן פֿרירן, מען קען נישט מער זיין אויפֿן בוידעם. מען האָט פֿאַר אונדז צוגעגרייט אַ גריבל אין אַ שטעלכל אונטער האָלץ. אַ קליין גריבל קוים פּלאַץ פֿאַר אונדז ביידע. נישט גענוג טיף צו קענען זיך אויפֿשטעלן, בלויז זיצן. און דאָך איז דאָס ביי אונדז ליב און טייער. די ערשטע נאַכט אין גרוב איז געווען פֿאַר אונדז אַ פֿאַרגעניגן, צו זיין בלויז אין דער וואַרעם. די פֿיר וואָכן זייענדיק אין דער סטאַדאָלע האָבן מיר אַ ביסל צוגעליטן. ס׳איז זייער שווער געווען דאָס צוברענגען פֿון עסן. איך בין אַ פּאָר מאָל ביינאַכט אַרויס אויפֿן פֿעלד רייסן בריקווע צו שטילן דעם הונגער. נאָר אין דעם לעבן, איז דאָס נישט קיין נייס. אַלץ בעסער ווי זיין אין וואַלד אויף הפקר. געטריבן און געפּלאָגט ווערן פֿון שונאים דורך אַלע זייטן נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט. יעדער שאָרך פֿון אַ בלעטל האָט פֿאַר אונדז אויסגעזען, אַזוי ווי יאָגנדיקע נאָך אונדז מענטשן, וואָס זוכן אונדז אומצוברענגען.

15טער נאָוועמבער.

מיר בויען אַ באַהעלטעניש פאַר נאָך יידן

שוין עטלעכע טעג ווי מיר זיינען פאַרנומען ביים בויען אין דער סטאָדאָלע אַ באַהעלטעניש. ס'איז שטיל געוואָרן אין דער געגנט, און אונדזער „טאַטן" ווילט זיך האָבן נאָך אַ פּאָר יידן ביי זיך . . .

מיר האָבן געמאַכט אַ בונקער פאַר 5 פּערזאָן, ס'זעט אויס זייער גוט, אַפילו ביי אַ רעוויזיע וועט מען דאָס נישט אַנטדעקן.

מיר האָבן אויך אין בונקער פאַנאַנדערגעקלאַפּט אַ נאָרע צום שלאָפן, אַזוי ווי אַ בעט. טיף, גענוג פּלאַץ אַרומצוגיין. זייער שיין געבויט. ס'נעמט מיר אַליין אָן אַ חשק דאָ צו וואוינען . . .

די טעג לויפן יעצט שנעלער אַדורך, מיר זיינען פאַרנומען מיט אַרבעט אין סטאָדאָלע. האָבנדיק דאָ דעם בונקער זיינען מיר זיכער אין פאַל פון אַ געפאַר, אַזוי נאָך קענען מיר העלפן ביים מלאַטשען, שניידן שעטשקע און פלעכטן שטרוי צו דעקן דעם דאַך. נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שייער שלאָפט זיך בעסער אין גרוב ביינאַכט.

29טער נאָוועמבער.

ג ע ס ט

די נאַכט האָבן מיר געהאַט געסט.

לייבל גאָלדהאַמער און מאָטל רוזאל. זיי זיינען אויסבאַהאַלטן אין דעם דאָרף. געקומען זען וואָס מיר מאַכן. זייער לאַגע איז פיל בעסער, דערמיט וואָס זיי האָבן געוועהר, קענען זיך קעגנשטעלן צוויילע פּערזאָנען. צוזאַמען זיינען זיי 5. ס'געהערט צו זיי חיים בלומשטיין, שייע רוזאל און דוד גאָלדהאַמער. חיים מיט שייען האַלטן זיך אויף אין די „לוקאַוויסקים". זיי קומען זיך צונויף איין מאָל אין מאָנאַט. צוזאַמען פירן זיי דורך איין „אַקציע" וואָס גיט זיי אַ מעגלעכקייט צו האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. די „אַקציע" באַשטייט אין צונעמען פון אַ פּויער אַ חזיר, אָדער זאַכן פון די וואָס האָבן יידיש האָב און גוטס. ווען אַ פּויער דערזעט אַ ביקס גיט ער דאָס

אָפּ. זיי קענען דאָס טאָן אין הייזער וואָס שטייען ווייט פון שטאָט אָדער דאָרף. זיי זיינען נישט גענוג באַוואָפנט זיך קעגנשטעלן דער זעלבסט-שוץ וואָס יעדער דאָרף האָט.

זיי האָבן אויך נקמה גענומען אין די מערדער פון יצחק רובינ-שטיין און שאמעס ווייב (יאָסל דעם רימערס טאָכטער). איינעם האָבן זיי געטויט און דער אַנדערער איז אין אַ צושטאַנד וואָס איז נאָך ערגער פאַר אים ווי דער טויט.

די ליסטע פון אַזעלכע מערדער איז גרויס, נאָר ס'איז שווער זיי צו דערגרייכן. מען וואַרט אויף אַ געלעגנהייט.

5טער דעצעמבער.

פאַרגרעסערט די משפחה

דער בונקער וועלכן מיר האָבן געבויט אין דער סטאַדאָלע איז שוין באַוואוינט.

ס'זיינען די נאַכט אָנגעקומען: גדליה רידלעוויץ מיט זיין פּלי-מעניק פּרץ און נח ראַדזינעק, אַ ביאַלער, זיי האָבן זיך ביז יעצט אויפגעהאַלטן אין יאַנעווע. נישט קענענדיק דאָרט מער זיין, זיינען זיי געקומען צום „טאַטן". אונדזער „טאַטע" שיינט פון פרייד. די 2 וואָכן וואָס די גרוב איז געשטאַנען ליידיק האָט ער נישט געקענט רוען. יעדן טאָג האָט ער אונדז געפרעגט אפשר ווייסן מיר וואו ער וואָלט געפונען אַ פּאָר יידן ?..

דעם גאַנצן טאָג פאַרברענגען מיר מיט די געסט. ביים „טאַטן" אין שטוב הערשט אַ יום-טובדיקע שטימונג. די מיידלעך גייען הין און צוריק מיט צוגעדעקטע קוישלעך אין וועלכע זיי טראָגן הייסע טעפּלעך.

19טער דעצעמבער.

מען זעט נישט קיין סוף

שוין ווידער ווינטער און צו די ליידן נעמט ניט קיין סוף. טאָג און ווידער נאַכט, אַלץ דאָס זעלבע און דער זעלבער סדר. איך האָב זיך

די צייט אויסגעלערנט נייען מיט א נאָדל: צערעוועט זאָקן, לאַטען זעק און נאָך פאַרשיידנס. און דאָך האָב איך גענוג צייט צו טראַכטן איבער דעם אומגליקלעכן לעבן אונדזערן.

איך זיץ ביי אַ שפּאַרע און קוק אויף דער וועלט, וועלכע כ׳האָב שוין כמעט ווי פאַרגעסן.

אַלץ איז באַדעקט מיט אַ ווייסן שלייער. ס׳הערן זיך גאַנץ מונטערע געשפּרעכן, אָבער פאַר אונדז לײדער טוט נישט מער עק־זיסטירן ווי דאָס פינצטערע גריבל. דאָס איז אונדזער היים, אונדזערע פאַמיליעס, בכלל אַלץ אויף דער וועלט.

טייל מאָל טו איך זיך פאַרטראַכטן, צו וואָס טו איך שטרעבן? אַפּילו אין בעסטן פאַל ווען איך וועל איבערלעבן. — אָן קיינעם, אַלץ פאַרלאָשן, טויט. ווי אַזוי וועט אויסזען אַזאַ לעבן?

און גלייך זאָגט מיר וואָס אונטער: „שטאַרק זיך, לעב בלויז דעם שונא אויף צו להכעיס”.

לעבן, אָבער ווי אַזוי לעבט מען איבער?

ביז יעצט האָט מיר דער „טאַטע” געראַטעוועט דאָס לעבן. די מענטשן מיט וועמען איך בין געווען אין וואַלד, לעבן נישט מער.

אַ פּאָר נעכט נאָך מיין אַוועקגיין זיינען אומגעקומען די מענער. לאַנע האָט זיך אַליין אַרומגעוואַלגערט אַ פּאָר מאָנאַטן. און די נאַכט האָט מען איר געפונען אויף די קאַטאַנקער פעלדער אַ צעשטאָכענע פון מעסערס, אַז מען האָט נישט דערקענט איר אויסזען. די געלע האָר האָבן בלויז געזאָגט אַז דאָס איז זי.

דער פאַקט איז אַז דער וואַלד עסט אויף די מענטשן... נישטאָ שוין קיינער אַרום.

ניי־יאָר, 1944,

דער 13טער מאָנאַט אונטערערדיש לעבן.

אַ טאָג ווי אַלע אַנדערע טעג. ס׳פאַלט דורך דער שפּאַרע אַ שוואַכער שיין וואָס זאָגט אָן אַז ס׳איז טאָג אויף דער גאַס. שטיל אַרום, ווי אַלץ וואָלט זיך פאַר דעם נייעם יאָר דערשראָקן, מען הערט נישט אַפּילו אונדזערע רעטער קומען נאָנט. געווים איז פאַר זיי שווער אַרויסצוקומען אונדז באַגריסן מיט ניי־יאָר אין דער גרוב.

איך זיץ און טראַכט, וואָס וועט דאָס ניי־יאָר אונדז ברענגען? קיין גוטס קומט נישט אויף דעם געדאַנק, רעוויזיעס, אַבלאַוועס. די פּרייהייט? ווי אַזוי קען דאָס קומען ווען דער פראָנט איז נאָך אַזוי ווייט פון אונדז. ס'לאָזט זיך נישט גלויבן אַז מיר זאָלן דאָס דער־לעבן. מיר האָבן שוין פאַרלוירן יעדער האָפענונג. און ווי לאַנג קען מען אַזוי אויסהאַלטן צו זיצן אונטער דער ערד, די פיס אונטער זיך?

דער „טאַטע" איז טאַקע אַ מלאך פאַר אונדז, אָבער אויף דער זינדיקער ערד קענען מלאכים אויך קאַליע ווערן... דעם „טאַטנס" געדולד אפשר נישט, אָבער די מיידלעך אין שטוב — ווי לאַנג וועלן זיי קענען שווייגן אויף די פראַגעס פון זייערע חתנים, „פאַרוואָס זיי ווערן אַזוי דערשראָקן ווען זיי דערזעען דייטשן"?

14טער פעברואַר,

אַ שמחה אונטער דער ערד

אונדזער משפחה פאַרגרעסערט זיך. ס'זיינען צוגעקומען צוויי יאַנעווער בחורים, ווי געזאָגט, פון יענער וועלט. זיי זיינען אַנטלאָפן פון דער געסטאַפּאָ. ס'זיינען שוין געווען קלאַנגען אַז זיי לעבן נישט מער, דאָס זיינען: ישראל קויפמאַן און מאָטל גאָלדשעפט. די שוועסטער פערל, וועלכע רייסט שוין אַרום דעם צווייטן ברודער פון פייער איז געקומען און צו דער געלעגנהייט האָט זי צוגעגרייט אַ וויעטשערינקע. אַ שמחה אונטער דער ערד, אָבער דאָך אַ שמחה.

די גרוב באַלויכטן פון אַ לאַמטערנע, 8 יידן אַרומגעזעצט אַרום אַ טאַפּטשאַן, אויף וועלכן ס'איז געווען סערווירט: בראַנפן, גע־בראָטן פלייש, ברויט מיט קאַווע. אין דער מיט איז געזעסן אונדזער „טאַטע" מיט דער טאָכטער פראַניע. ווען מיר האָבן זיך געוואונטשן אין קורצן אָנקוקן די וועלט, זיינען פון „טאַטנס" אויגן געפאַלן שווערע טרערן.

מיר, וויינען, קענען נישט מער, אויסגעטריקנט איז אַלץ אין אונדז. ער האָט געהאַט אַ טענה צו גאָט: פאַרוואָס קומט דאָס מענטשן וואָס זיינען אין קיין זאַך נישט שולדיק, צו זיין באַהאַלטן אונטער דער ערד? ווי שטענדיק האָבן מיר זיך באַמיט פאַר אונד־

זערע רעטער צו זיין פרײלעך, דערציילט זיי זאַכן פון פריערדיקן לעבן און צום סוף זיי פאַרגעלייענט אַ ליד אין פויליש, די ציוויליזאַציע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. נאָך האַלבער נאַכט זײַנען מיר אַי־בערגעגאַנגען אין אונדזער גרוב.

16טער פעברואַר,

די שרעק פאַר אַ רעוויזיע

מיר זײַנען היינט ווידער צוזאַמען אין דעם בונקער אין דער סטאַדאָלע. צונויפגעבראַכט האָט אונדז מורא און שרעק. און דאָס צוליב דער אומבאַרעכנטקייט פון וועלוועלע ענגלענדער. ער האָט גע־וויסע טענות צום גוט באַזיצער ראַסעצקי פון יאַקאָוויק, וועלוול, הערנדיק וועגן דער גרויסער אָפענסיווע אויפן רוסישן פראָנט האָט זיך פאַרפוצט אין אַ סאָוועטישן פלאַטשט און אַרום פון זיין באַ־העלטעניש, וואָס איז בלויז אַ פּאָר הייזער אַוועק פון דעם יאַקאָ־וויקער הויף, און אַריין צו ראַסעצקין זיך אַ רייץ טאָן. דאָס מאָל האָט אים ראַסעצקי גראָד גוט אויפגענומען. ער האָט געוואָלט געבן געלט, אָנטאָן, אָבער וועלוול האָט מיט איראָניע אַלץ צוריקגעוויזן און איז אַוועק. אויף דער צווייטער נאַכט זײַנען געקומען אַ פּאָר פּערזאָן און צוגענומען ביי ראַסעצקין 2 פערד מיט דעם פאַראָבעק, יעצט איז ער ביי דער מיינונג אַז יידן האָבן דאָס געטאָן. „וועלוול איז געקומען אָפּקוקן און געשיקט אַ באַנדע". עס ווייסט שוין דערפון די פוילישע פּאָליציי.

דאָס גריבל אין וועלכן איך און פאַליק זיצן איז באַקאַנט צו ראַסעצקין, ער האָט זיך דאָ געטראָפן מיט מייטשע פינקלשטיין, וואָס האָט צו אים געדאַרפט אָנקומען, נאָכן אַנטלויפן פון מעזריטש. דאָס האָט אונדז געמאַכט איבערגיין אין דער סטאַדאָלע.

אויך האָט דעם „טאַטנס" איידעם, פאַלוק, וואָס האָט ניט גע־וואוסט אָדער געמאַכט זיך נישט וויסנדיק פון אונדזער זיין דאָ, פּלוצלונג גענומען ריידן אַז זיין שוואָגער, סיפּניק, דער פוילישער פּאָליציאַנט וואַרפט אַרום ווערטער אַז וועלוול איז אויסבאַהאַלטן אין ראַמאַנאָווע. ער, פאַלוק, האָט געמוזט סיפּניקן גוט אָנטרינקען,

ער האָט טאַקע געבראַכט אַ גרויסן רעכענונג פון לאַסקאָווסקיס שענק און געוואָרפן דאָס דעם „טאַטן" אויפן טיש ער זאָל דאָס דעקן.

דאָס אַנטלויפן פון מאַטלען מיט שראָלקען פון דער געסטאַפּאָ איז באַקאַנט אין יאַנעווע דער פּוילישער פּאָליציי, זיי זיינען אויפגע־פּאָדערט געוואָרן פון דער ביאַלער געסטאַפּאָ נאָכצוזוכן די צוויי אַנטלאָפענע יאַנעווער יידן. נאָך זייער אַנטלויפן פון ביאַלע זיינען זיי געווען ביי צוויי יאַנעווער פויערים און נאָכער אַריין צו קאַמיניק דעם שאָפער, קאַמיניקס פרוי איז יעצט אויף מאָרגן געקומען קיין ראַ־מאַנאָווע צום „טאַטן" ער זאָל זיי קומען נעמען.

אויסנוצנדיק דעם מיאוסן וועטער איז דער „טאַטע" געפאָרן מיט דער פור, דורכפאָרנדיק מיט זיי פּאָלעווע האָט זיינס אַ קום געפּרואווט אים אָפּשטעלן, געוואָלט אים עפּעס פרעגן, דער „טאַטע" טרייבנדיק דאָס פערד האָט געענטפערט אַז ער האָט יעצט נישט קיין צייט. דער פויער זעענדיק די צוויי מענער איינגעדעקט אויפן וואָגן אין שווערע בורקעס, איז אים די זאַך געוואָרן פאַרדעכטיק. אַזוי האָט מען אָנגעהויבן ברענגען קלאַנגען איינער נאָך די אַנדערע.

דער „טאַטע" איז אין דער געגנט באַקאַנט, ער זאָל האָבן צו טאָן מיט יידן, ס'איז זייער מעגלעך אַז מען וועט קומען דאָ זוכן. די געפאַר איז גרויס, יעדער ביל פון הונט מאַכט אונדז אויפציטערן. ס'„דאַכט זיך אַז אָט גייט מען צו אונדז און מיר פאַנגען אָן געזע־געגנען זיך מיט דעם לעבן.

29טער פעברואַר,

מען לאָזט נישט רואיק איינזיצן

דאָס לעבן אין גרוב נעמען מיר שוין פאַר ליב. דאַכט זיך אַזוי דאַרף דאָס זיין, אָבער מען לאָזט נישט רואיק איינזיצן. יעדערס מאָל קומט צו נייע שרעק וואָס רודערט אויף אונדזערע רעטער און אויך אונדז.

פערל גאָלדשעפּט איז נאָך דאָ ביי אונדז צוגאַסט, זי כאַפּט זיך פון צייט צו צייט אַריין אין שטובן אַרויסהעלפן די מיידלעך מיט שטוב־אַרבעט, דאָס מאָל איז וועק פון די שכנים אָנגעקומען און מען

דענקט אַז די פּויערטע האָט איר דערקענט. פּערל גייט טאַקע די נאַכט אַוועק אין שכניש דאָרף ווילקע, וואו זי איז אויסבאַהאַלטן מיט די פינקלשטיינס, אָבער דאָס פאַרווישט נישט דעם חשד. די מיידלעך זיינען זייער אויפגערעגט. דער צו נאָך האָבן זיך היינט אין דאָרף באַוויזן אַ פּאָר דייטשן, אָן אַ טעם איז פּראַניע צו צו אונדזער גרוב, וואָס איז פאַרדעקט מיט קיך האָלץ און גענומען אַרויסוואַרפן מער און מער. יעדער געוואָרפענער האָלץ האָט אַ זעץ געטאָן אין האַרץ, דאָס איז דער אָנזאָג אַז געפאַר איז נאָענט, אַזעלכע וואַרווּפעניש קומען פאַר זייער אָפט. נאָך דעם זיצן מיר אָפּ שעהן לאַנג און וואַרפן זיך אין שרעק. אין אַזעלכע פאַלן קומען זיי יעצט אין אָוונט אונדז זאָגן וואָס עס האָט פּאַסירט.

10טער מערץ,

די קליינע דזידאַ

דזידאַ איז דעם „טאַטנס” אָן אייניקל 8 יאָר אַלט. זי זעט די מיידלעך אין שטוב יעדעס מאָל כאַפּן אַ טעפּל געקעכטס און טראָגן דאָס אַרוים אויפן הויף. זי ווייסט אַז עפּעס באַהאַלט מען פון איר. שוין פון לאַנג ווי זי וואַרפט אַרוים ווערטער וועגן יידן מיט בערד, וואָס זי זאָל האָבן געזען אין דער סטאַדאָלע, אָבער לויט איר ריידן, האָט זי קיינעם נישט געזען. מיר טראָגן נישט קיין בערד.

היינט פרי איז דזידאַ אַריין אין שטעלכל און גענומען אָפּליגן די האָלץ פון אונדזער גרוב און דערביי זיך צעזונגען אַ לידל, כמעט ווי אויפגעדעקט דאָס אין גאַנצן. מיר האָבן זיך איינגעגראָבן אין אַ ווינקל זי זאָל אונדז נישט באַמערקן.

אויפן ראַנד פון דער גרוב האָט זי דערזען אַ שיסעלע. זי האָט דאָס אַ כאַפּ געטאָן און אַריין אין שטוב מיט אַ געלעכטער, אַז זי ווייסט שוין, עס זיצט ווער אין גרוב. דזידאַ גייט אין דער יאַנעווער שקאָלע. אַ גאַנצע וואָך איז זי ביי סיפּניקן דעם פּאָליציאַנט. וואָס זי רעדט דאָרט ווייסט מען נישט. ווען זי רעדט פון יידן, דערמאָנט זי באַלד די פינקלשטיינס, סיפּניק האָט פינקלשטיינס גאַנץ פאַרמעגן, און איז זיכער פאַראינטערעסירט אַז זיי זאָלן נישט איבערלעבן.

אין יאַנעווע האָבן די פּויערים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז מייטשע טראָגט אַ גאַרסעט מיט 5 קילאָ גאָלד — איז ווי וועט מען נישט קריגן אַ שטיקל גאָלד פון די דייטשן ווען מען וועט אויסגעבן מייטשען...

אַזוי לעבט מען דורך טעג און וואָכן מיט שרעק און מיט ניסים.

13טער יוני,

מיר וואַכן ביינאַכט

אויב מיר האָבן פריער אָפּגעאָטעמט ווען ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, איז שוין וואָכן אַז מיר האָבן דאָס אויך נישט.

אין אָנהויב יוני זיינען מיר איבערגעגאַנגען פון גרוב אויפן בוידעם פון דער גרויסער אַבאָרע. דער „טאַטע" האָט מער נישט געקענט צוקוקן אונדזער זיצן אין דעם דומפּיקן גרוב, און אין אַ שיינעם פרילינגס-טאָג איז ער געקומען צולויפן פון פעלד און אונדז ווי באַפוילן ביינאַכט אַרויפצוגיין אויפן בוידעם פון דער אַבאָרע. ער קען נישט איינזען אין פעלד, זאָגט ער, ווען אַלץ בלומט און זינגט און ער ווייסט אַז מיר דאַרפן זיצן אין פינצטערן גרוב... געוויס איז דער בוידעם פיל בעסער, ס'איז דאָ גענוג לופט און אויך ליכטיק. אָבער נאָך אַ פּאָר שטילע וואָכן איז ווידער דאָ שרעק און מורא. ס'דרייען זיך ביינאַכט אַרום אויפן הויף פאַרדעכטיקע מענטשן, שוין אַ פּאָר מאָל ווי דער „טאַטע" טרעפט זיי זוכן עפּעס ביי דער סטאַדאָלע. מיר זעען אין דעם עפּעס פאַרדעכטיקס, מיר האָבן מורא אַז די מענטשן זאָלן אַמאָל אונדז נישט נאָכזוכן. וואָס טיפער די נאַכט אַלץ מער וואַקסט אונדזער שרעק.

18טער יולי,

דער אַנטשיידנדיקער מאָמענט

ס'שלאָגט די שעה אויף וועלכער מיר האָבן געוואַרט. ענדלעך האָט זיך דערפּראָנט בליץ-שנעל דערנעענטערט צום טייך בוג.

דער הימל איז שוואַרץ פון עראָפּלאַנען, ס'קלאַפּן שווערע האַרמאַטן, ס'איז נאָנט צו דער באַפרייאונג. עס טיילן אונדז שעהן

פון אויפלעבן אָדער חלילה פון אומקום. עס פליען קוילן פון אַלע זייטן, מיר זיינען באַדראָט אומצוקומען אויפן בוידעם. פויערים לויפן זיך באַהאַלטן אין גריבער, און מיר נאָרען זיך בלויז איין אין דעם שטרוי.

דעם „טאַטנס" טאָכטער פּאַולינע איז יעצט געקומען פון יאַ־נעווע און דערציילט פון דער צעמישונג וואָס דאָרט הערשט. די דייטשן לויפן אַרום ווי משוגענע הינט, שרייען און יאָגן. די דייטשישע פריינד אַנטלויפן פון שטאָט אין גרוים פּאַניק. זי פאַרזיכערט אונדז אַז מאָרגן וועלן מיר שוין זיכער זיין פריי.

דער „טאַטע" ווידער איז אַרויף מיט אַ גרויסן לאַבן ברויט, עס הויבן דאָ אָנקומען יאַנעווער קריסטן, ס'וועט פאַר זיי אומ־מעגלעך זיין עפּעס אונדז אַרויפברענגען, זאָלט איר כאָטש האָבן אַ שטיקל ברויט, זאָגט ער.

עס פליען טאָקע קוילן איבער אונדזער דאַך און די געפאַר איז גרויס — אָבער עפּעס שרעקט נישט דאָס האַרץ, יעדער פליענדע קויל זאָל דערגרייכן איר ציל און נקמה נעמען פאַר אונדזער אומגליק און פּיין.

19טער יולי,

זיי ווילן לעבן . . .

דער צווייטער טאָג ווי עס האַלט אָן דער פראָנט ביי יאַנעווע. די דייטשן ציען זיך צוריק אין גרוים צעמישונג, ווי מען זאָגט, זיינען זיי אַרומגערינגלט. זיי לויפן אויף שעדלעץ. דער קאָנסטאַנטינער שאָסיי איז באַלאַגערט פון מיליטער, אוממעגלעך פאַר ציווילע זיך דורכצורייסן.

יאַנעווע ברענט פון אַלע זייטן, שוין דאָ אין שטאָט געהרגעטע און פאַרוואונדעטע פון דער ציווילער באַפעלקערונג. יידן שפּעטער פאַרלאָזן זייערע היימען, טראָגן זיך מיט פּעקלעך אין די אַרומיקע דערפער. בלוט־פאַרגיסער האָבן אויסגעטאָן זייערע מונדירן מען זאָל זיי נישט דערקענען, אַלץ לויפט. יעדערער וויל לעבן... אָבער ווען אַ ייד האָט זיך ביי די מערדער געבעטן, מען זאָל אים שענקען דאָס

לעבן און נישט דערשיסן, האָט דאָס נישט גערירט זייער ברודיק געוויסן.

לויפט, לויפט, אָבער די גערעכטיקייט וועט זיי געפינען און זייער פאַרדינטן פּסק געבן.

28טער יולי,

אַלץ איז הפקר

הפקר, אַלץ איז הפקר, לעבנס, פאַרמעגן, נאָר דאָס מאָל נישט ספּעציעל יידיש.

ס'לויפן אַרום אין דאָרף דייטשן און ראַבירן, כאַפּן וואָס ס'לאָזט זיך. יעדעס מאָל הערט מען אַ פריש געוואַלד. די פּויערים אַנטלויפן מיט די פערד, ביי אַזאַ אינצידענט איז דערשאָסן געוואָרן אַ יונגער שייגעץ, דער רעטער פון די ברידער גאָלדהאַמער און מאָטל רוזאל. שוין צוויי יאָר ווי זייער שטוב טראָגט דעם סוד פון דריי יידן, ער האָט פיל מי צו דעם צוגעלייגט און נישט דערלעבט זען זיינע דריי געראַטעוועטע יידן פאַרלאָזן דעם בוידעם. אונדזער געזינדל האָט זיך די לעצטע טעג פאַרגרעסערט, מען האָט צו אונדז געבראַכט פון יאַקאָוויק וועלוול ענגלענדער און די גאָלדשעפּט ברידער. אויך פּערל גאָלדשעפּט איז דאָ פאַרבליבן ווען דער פראָנט האָט זיך אָנגעהויבן. ס'איז אוממעגלעך פאַר איר געווען צו גיין צוריק קיין ווילקע.

יאַקאָוויק איז ביים קאָנסטאַנטינער שאָסיי, די דייטשן באַלאַגערן דאָס דאָרף, ס'איז געווען אַ געפאַר פאַר די פאָר יידן דאָרט לענגער צו זיין. מען דענקט אַז דאָ אין ראָמאַנאָווע איז זיכערער. דאָס דאָרף איז ווייט פון אַ וועג וואָס האָט וועלכע נישט באַדייטונג. מיר קוקן אַרום דורך די שפּאַרעס און כאַפּן אויף יעדעס וואָרט, אָבער מען זעט נאָך אַלץ נישט קיין סוף. אַזוי ווי דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט האָב איך געדענקט אַז ס'טיילן אונדז שעהן פון באַפרייאונג. מיר האָבן זיך געשראָקן פאַרן שטורעם, אָבער נישט געדענקט אַז ס'וועט אַזוי לאַנג זיך וויקלען דער קאַמף ביים בוג.

קריסטן וועלכע זיינען געווען אויסבאַהאַלטן באַוועגן זיך שוין

פריי, דער שונא גוססט, נישטאָ שוין פאַר וועמען זיך צו היטן. אונדזער גורל איז באַזונדערס שווער, מיר האָבן אַ טאָפּעלן שונא, אונדזערע בירגער פּאָליאַקן וואָס האָבן אַ גרויסן חלק אין אונדזער אומגליק.

אויב ס'וועט ווער איבערלעבן און לייענען די טרויעריקע יידןגעשיכטע פון היטלער-חורבן וועט זיך איבערצייגן אַז דעם גרעסטן משפּט האָבן געליטן די פּוילישע יידן, זיי וועט מען אַמווייניקסטן געפינען לעבעדיק.

צי וואָלטן מיר יעצט אין אַזאַ צעמישונג נישט געקענט אַרויסגיין אויף דער גאַס ווען נישט אונדזערע קריסטן. צום „טאַטן” זיינען אָנגעקומען פון יאַנעווע 50 פּערזאָן. זיי באַהאַלטן זיך פאַר די קוילן אין אַקאַפּעס. אונדז דראָט אומקומען פון די שראַפּנעלן וואָס פליען איבער אונדז, אין די לעצטע מינוטן פאַר דער באַפרייאונג.

30טער יולי,

מען זאָגט, מיר זיינען פריי

צי איז דאָס נישט קיין חלום? מען זאָגט, מיר זיינען פריי. יאַנעווע איז פאַרנומען פון דער רויטער אַרמיי, דאָס פאַרשטענדלעך איז נישט געקומען אומדערוואַרטעט, נאָר מיר זאָלן דאָס דערלעבן — איז דאָס ווירקלעך? מיר, 10 יאַנעווער יידן, האָבן יעצט די בשורה דערהערט פון „טאַטנס” מויל, ער איז ספּעציעל געלאָפן קיין יאַנעווע זען וואָס דאָרט טוט זיך. ער שיינט פון פרייד. אַרויפגעבראַכט אונדז אַ שטיק רויטע לייוונט מיר זאָלן צוגרייטן אַ פאָן.

10 יידן וואָס זיינען געווען פאַרמשפּט צום טויט וועלן היינט פאַרלאָזן זיין דאַך, ער פרייט זיך מער פאַר אונדז, אונדזער פרייד איז צוזאַמענגעמישט מיט שווערן טרויער. וואָס איז פון אונדז פאַרבליבן? וואו זיינען אונדזערע היימען? און צו וועמען קערן מיר זיך אום?

איך זיץ אין אַ ווינקל אויף דעם שטרוי און קוק אויף מיינע פריינד וואָס גרייטן זיך צו ביינאַכט צו פאַרלאָזן דעם בוידעם.

31טער יולי,

אויף גאָטס ערד

אין מיטן דער נאַכט האָבן מיר פאַרלאָזט דעם בוידעם, דאָס הויז און דאָס דאָרף וואָס האָט אונדז געראַטעוועט פון טויט. מיטן „טאַטן" און מיטביידע מיידלעך פאולינע און פראַניע האָבן מיר זיך געזעגנט אין אָוונט, נאָך אַלץ באַהאַלטן, אין דער שטיל האָבן מיר געשעפּטשעט אונדזערע דאַנקבאַרע ווערטער, געהאַלדזט זיך און געקושט. זיי זיינען איינציקוויז צו אונדז אַרויפגעקומען, געהיט זיך פאַר די אָנגעלאָפענע פון יאַנעווע פויערים וואָס האָבן פאַרלאָזט די שטאָט צוליב די קאַמפן. און צוליב זיי טאַקע זיינען מיר אַזוי פרי געגאַנגען, זיי זאָלן נישט זען פון וואַנען מיר זיינען אַרויס.

די דריי קילאָמעטער פון יאַנעווע ציען זיך ווי מיילן. ס'גייט זיך נישט, די פיס ווי העלצער. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר יאַנעווע פאַרלאָזט אין אַ גרופּע פון איבער צוויי טויזנט — און יעצט וויפל קערן זיך אום? דערשלעפּט זיך אין שטאָט און אָנגעטראָפן אַ שרעקלעך בילד, פאָלגן פון די שלאַכטן. די גאַסן זיינען פאַרלייגט פון געהרגעטע פערד, שטיקער צעשמעטערט לייב פון אונדזערע פאַרניכטער, אויף וועלכע מיר קוקן מיט עקל. טיפער אין שטאָט האָבן מיר אָנגעטראָפן די ערשטע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, מיר האָבן זיי באַוואָרפן מיט בלומען און אַרומגעכאַפּט זיך מיט זיי קושן. זיי טרייסטן אונדז „אַז יעצט וועלן מיר שוין לעבן ווי אַלע מענטשן".

מיר קענען ניש טשטיין אויף אַן אָרט, עס טראָגט אונדז. מיר גייען אויפן בריק און קוקן אין די פענצטער פון די איינצלנע יידישע הייזער וואָס זיינען געבליבן גאַנץ, עס וואָרפן זיך פון דאָרט בליקן פול מיט שינה און האַס צו אונדז.

איך בין געבליבן שטיין פאַר מיין שוועסטערס הויז און געוואַרט אפשר וועל איך פאָרט ווען דאָרט זען, אָבער נישט זי און אויך נישט קיינער פון אירע 6 קינדער האָבן זיך באַוויזן... אַזוי איז יעדערער פון אונדז געבליבן שטיין ביי אַ באַזונדערער הויז. ווער האָט פון אונדז דען נישט געהאַט אויפן בריק זיינעם אַ נאָענטן? ביי יעדערן פון אונדז האָט זיך דאָס זעלבע טרויעריקעס אָפּגעשפּילט... עס האָבן

זיך געזען פון געסלעך אַרויסקוקן דערשראָקענע געשטאַלטן, די שולדיקע האָבן זיך ווייזט אוים אויף קיין יידן מער נישט געריכט, זיי ציטערן פון שרעק, אפשר וועלן זיי יעצט דאַרפן באַצאָלן פאַר זייערע מעשים...

מיר קומען אויף דער פּראַגע אין פייטל דעם מאָלערס הויז וואָס איז געשטאַנען ליידיק, דאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן די גאָלדהאַמערס, רוזאלם און חיים בלושטיין, מיט זיי פלעגן מיר זיך טרעפן אין ראַמאַ-נאָווע, אַלטער גאָלדשטיינס צוויי מיידלעך, אויך פון זיי האָבן מיר געוואוסט, אַז זיי זיינען אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין יאַנעווע. אַ באַ-זונדער פרייד איז געווען צו טרעפן הערשל גאָלדבערג. דער איינציקער וואָס האָט איבערגעלעבט אין וואַלד. באַלד זיינען אָנגעקומען אַנטשל ראָזענבלום, שוילע בלובערג מיט זיין פרוי. מיט די פינקעלשטיינס וואָס זיינען נאָך נישט געקומען פון דאָרף זיינען מיר 22 לעבנגעבלי-בענע יאַנעווער.

די שטוב איז גלייך פול געוואָרן מיט צוויי-פּנימדיקע שכנים, וואָס ווילן טאַנצן אויף אַלע חתונות... זייער פאַלש ריידן און חניפה עקלט מיר.

דער געדרויש אין גאַס פון די שווערע טאַנקען און האַרמאַטן וואָס ציען אויף שעדלעץ און דער געפילדער אין שטוב לעכערט מיין קאָפּ. איך אַנטלויף אונטער דער שטאָט — צו אונדז אַהיים . . . אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן מיין שכן טאַדעק וואָס האָט מיר אַמאָל געראַטעוועט פון פאַרפרוירן ווערן, זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: „נו, ווי דענקסטו, יעצט וועט מען דיר שוין לאָזן לעבן" ?... איך האָב גאָרנישט געענטפערט, כ'בין אַריין צו אונדז אין גאָרטן און געוואָרפן זיך אויף דער ערד. אויך דאָ זיינען גלייך אָנגעלאָפן די נייגעריקע ווי אויף אַ שוואַרץ וואונדער. איך קוק אויף דעם אַלעמען און פרעג: אָ, גאָט! וואו בין איך? און וואָס איז מיר געשען? איז דאָס די פרייהייט אויף וועלכער איך האָב אַזוי געהאָפט?

צו אַ פאַריתומט יידיש קינד

בויג דיין קעפּל,
פאַריתומט יידיש קינד,
און וויין אויף דיין גורל,
ווי אַ האַרבסטיקער ווינט

יתום, יתומעלע,
קינד אָן אַ היימעלע,
צעשטערט און צעבראָכן
פון שטורעם-ביימעלע.

ס'וועט דיר צום האַרץ
קיין מוטער מער דריקן,
וועסט אויך נישט מער זען
קיין פאָטערלעכע בליקן.

אין טאָל פון יסורים
און רוצחישן פּיין,
אין גאַז און אין פייער
איז פאַרגאַן זייער שיין.

דאָס אַש האָט צום הימל
מיט ווינט געטאָן שוועבן
און ביי גאָט אויסגעבעטן
פאַר דיר, קינד, דאָס לעבן.

זאָלסט זיי געדענקען
און אין האַרצן ביי דיר טראָגן
און אין טאָג פון טרויער
תפילות פאַר זיי זאָגן.

וואו זאָלן מיר גיין?

וואו זאָלן מיר גיין
מיט אונדזערע הימל־געשרייען,
מיר איינציקע פון מיליאָנען פאַרבליבענע,
געפּיינקטע און צום טויט געטריבענע?

פון נאַצים־רוצחים,
אומפאַרשעמטע מענטשן־מוסרים,
סתם באַנדיטן,
פּאַרטיזאַנער אַנטיסעמיטן.

פון אַלע זייטן
לויערט דער טויט.
מיר צאָלן מיטן לעבן
פאַר אַ ביסן ברויט.

ס'ווערן טעגלעך טויזנטער
אויף אייביק זאַט.
אַזעלכעס געדענקט נישט
די געשיכטע־בלאַט.

די פּאָר אַזוי גליקלעכע
אין פאַרבאָרגענע גריבער זיצן,
ס'ביילן זיך פּויסטן
און ציין טוען קריצן.

ס'ווילט זיך שרייען, רופן,
הגם מיר זיינען שוין
בלינד און שטום:
אַך, קום שוין פרידן, קום!

איינזאַם

איינזאַם לעב איך אויף דער וועלט,
קיינער ווייסט פון מיר.
טעג ווי נעכט — שוין וואָכן,
אַז פאַרמאַכט איז מיין טיר.

איינזאַם וואַך איך אין מיין צימער,
ווייל טויט איז מיין יידישע גאַס,
די פנימער פון מיינע גויאישע שכנים
ברענען מיט רשעות און האַס.

איינזאַם טריפן מיינע טרערן,
קיינער זעט זיי נישט.
פאַרוויאַנעט גראָז איז מיין לעבן,
קיינעם אַרט דאָס נישט.

איינזאַם פאַל איך מיט מיין פנים
צו עלנט פאַרלאָזענע ווענט.
אין לאַנגע נעכט טו איך פרעגן :
נאָך וואָס האָב איך די וועלט דערקענט ?

געקומען בין איך אויף שעה׳ן

פון אונטער ביקס און שווערד,
דורך שטעכיקע דראָטן,
פון אונטער דער ערד
און פון טייוולס שאָטן.

דורך טייכן און פעלדער,
מיט פאַרבאַרגענע וועגן,
דורך זומפּיקע וועלדער,
אין שניי און אין רעגן.

מיט קלעפּ אין די שויבן,
דורך אַ זייטיקער טיר
דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן
קום איך צו דיר.

געקומען בין איך אויף שעה׳ן
צו דיר, מיין עלנט בעט,
די געפּייניקטע גלידער אָפּרוען
און וויינען ביז שפּעט.

כ׳פאַל אויף דער קישן
ווי צו דער מאַמעס ברוסט,
זי טוט מיינע טרערן ווישן
און צו לעבן קריג איך לוסט.

איך צייל די מינוטן
פון דעם דויערנדיקן גליק,
די נאַכט טוט זיך רוקן,
איך יאָג אין וועג צוריק.

ס׳יאָגט זיך מיין שאָטן
פון שטוב אין וואַלד אַרוים,

ווייל לעבן איז מיר פֿאַרבאָטן,
כאָטש די וועלט איז ברייט און גרויס.

און וואָס זאָל איך זאָגן
און ביי וועמען זוכן טרייסט,
אַלע זיינען דערשלאָגן,
און איך וועל זיין ווער ווייסט ?

יזכור

ציען זיך טעג אין אבלות
נאָך דורות פאַרגאַנגען אין פלאַמען.
שטייען הייזער אין חורבות פאַרזונקען,
נישט געבליבן דאָרט ווער אייך דערמאָנען.

קיין קבר, קיין שטיין פאַר אַ סימן,
קיין זכר פון אייערע טריט,
בלויז שוועלן פאַרלאָזן אָן קיינעם,
פון רויבער און וואַנדאַלן געהיט.

עס יאָמערט דער ווינט איבער דעכער,
עס ווידערקולט דער פייף פון דער באַן,
וואָס אָפּגעפירט אייך האָט
אין טרעבלינקע, וואו אייער לעבן איז פאַרגאַן.

איך טו רופן פון פייער
אייערע פאַרלאָשענע געשטאַלטן,
אייער שמייכלען און רעדן
זיינען אין מיין האַרצן באַהאַלטן.

אַט טוט דער יאָרצייט באַלד קומען,
פריינט און נאָענטע פון מיין שטאָט,
איך קען קיין ליכט אין גרוב נישט צינדן,
ס'וועלן צוויי לעבנס זיין באַדראָט.

זאָל דאָס ליד זיין אייער יאָרצייט-ליכט
און דערגרייכן פון טאָג די שיין,
צו אייער אָנדענק לעולם-ועד,
ווי אַ מצבה פאַר אייך זיין.

מיין טאַטנס כל־נדרי

באַצירט האָט דער וואַלד זיך
אין גאָלד פון סעפטעמבער,
געפלאַטערט האָבן בלעטער
דורך צווייג־געוועב מיט פּורפּל־בענדער.

אויפגעוועקט פון זומער־שלאָף,
פון רו און קורצן שווייגן,
האָט דער האַרבסט דעם וואַלד
מיט כעס גענומען טרייבן.

געקערט האָט דער ווינט
פון ביימער די ריטער
און געבראַכט מיר דעם ניגון
פון ערב יום־כיפּור.

געוואָרפן האָב איך דעם אַשניק
און די האַק צו דער ערד,
פאַרלאָזן דעם וואַלד מיט די קלעצער
און אַוועק פון דייטשישער שווערד.

געטראָפן האָב איך מיין טאַטן
אַ פאַרוויינטן אין קיטל —
צו קבורה געבראַכט היינט
זיין יונגע שנור גיטל.

די שטוב אַ בית־עולם,
פון קיינעם קיין וואָרט,
צען שאָטנס אין טליתים
פאַרשטיינערט אויף אַן אָרט.

ס׳נעמט מיר אָן אַ מאָדנער צער,
פון אייגענער הויט כאַטש אַנטרינען.
ס׳ווילט זיך לויפן אָן אַן עק,
אָבער וואו וועל איך בעסערס געפינען?

און באַלד צעטראָגט זיך דער ניגון,
וואָס האָט מיין געדאַנק פאַרנומען,
איך הער מיין טאַטנס כל־נדרי,
וואָס האָט מיך גערופן פון וואַלד צו קומען.

ער ברומט דעם ניגון שטיל אין זיך,
עס זינגט נישט קיינער מיט,
ווייל אויף דעם ברוק הילכן
די שווערע דייטשישע טריט.

דער ניגון שוין דער לעצטער —
ער באַגלייט מיר אומעטום.
ער קלינגט מיר אין די אויערן
וואו נאָר איך גיי און קום.

מיין סדר־נאַכט

שוין אַכט חדשים באַלד,
אַז איך וואַנדער אַליין אין וואַלד
פון ליידן און הונגער פאַרשמאַכט.
פונדעסטוועגן וויים איך,
אַז היינט איז די ערשטע סדר־נאַכט.

כ׳האָב גראָד נישט פאַרזאַמט,
היינט פרי דעם חמץ געראַמט
און האָב אויך נישט פאַרגעסן
ביים בודק זיין די קעשענעס
איעדע קרישקע אויפצועסן . . .

אַ פינצטערע גרוב
איז מיין יום־טובדיקער חדר,
און אויף דער נאַסער ערד
זעץ איך מיך צום סדר . . .

מיין העסע־בעט —
אַ בינטל ריטלעך,
מיין פאַמיליע — פיר ווענט,
וואָס שטייען געמיטלעך . . .

איך פרעג נאָר
איין קשיא גאַנץ דרייסט:
אָ, גאָט, דו זעסט אַלץ צו —
און דו שווייגסט ?!

און די סאָווע
מיט איר אומעטיק קול
דערמאָנט מיר
זכרונות פון אַמאָל.

אויך די נאַכטיגאַל
לאָזט זיך הערן
און איך פיל אָן
דעם כוס — מיט טרערן.

און מיט טרויער
האָט די בלייכע לבנה
איר פנים פארהאנגען
ווי אַ בידנע אַלמנה . . .

אויך אַלעביימער
וויינען מיט מיר מיט,
און אַלץ ארום צעוויגט זיך
אין איין טרויער־ליד . . .

וואוהין ?

אין אַ שטילער נאַכט
אויף וועגן מיט וואַלד פאַרשפּרייט
האָט אַ גויאַן מיך באַוואַכט:
וואוהין ? — געפרעגט — דער „זשיד״ גייט ?

איך האָב ניט געהאַט וואָס צו זאָגן,
ווייל קלאָר איז געווען אָן שום וואָרט,
וואו איך נעכטיק טו איך נישט טאָגן,
כ׳האָב נישט קיין היים און קיין אָרט.

איך טראָג אין האַרץ טרעבלינקער פייער,
פול מיט מאָרד און מיט געוואַלד,
אַש פון מיין היים מיין געטרייער,
מיין טויטער פאַמיליעס געשטאַלט.

וואָס מיר היים, וואָס מיר פייער ? —
געדונערט האָט דער ווילדער גויאַן, —
אהער גיב די שיך און זאַכן, וואָס טייער,
און טראָג זיך, צום טייוול, פון דאַן.

דאָס לעבן אין וואַלד

ווער קען פאַרשטיין
דאָס לעבן אין וואַלד,
דעם פּחד און מורא
פאַרן אייגן געשטאַלט?

אַ שאָרך פון אַ בלעטל,
פון אַ צווייג אַ ריר
אַלץ אַרום דוכט זיך
יאָגט זיך נאָך דיר.
פאַרגראָבן, פאַרשטעקט,
אין חושך פאַרשפּאַרט,
אַנטרונען פון שונא,
וואָס לויערט און וואַרט.

פון הונגער די ליידן
נעם איך פאַר ליב.
צופּוסנס פון אַ בוים
מיין געלעגער, מיין שטוב.

ס'שאָקלען זיך ביימער
און ס'זשומעט דער ווינט.
מיר דאַכט זיך, מען וויינט,
מען שרייט, אוי ווי, אוי ווינד.

איך שטרעק די הענט צו אַ דאָרן
און אַמאָל גאָר צו אַ שטיין
און דריי זיך אין דרייען
די קעלט פאַרכאַפּט מיינע ציין.

ווען אָוונט-שאָטנס פאַלן
און שפּרייטן זיך נידעריק אויס,
נעמט מיך דער וואַלד אַרום
און פאַרוויגט מיך אין זיין שויס.

וואו זענט איר?

וואו זענט איר,
פאַרשוואונדענע פון מיינע אויגן?
מיין בענקשאַפט און טרויער
האָט ווי אַ נעפּל מיך פאַרצויגן.

איך פיל אייך אין זיך,
ווי איר רינט אין מיין בלוט.
אין דער נאַכט טו איך הערן
דעם קלאַנג פון אייערע טריט.

די לבנה קוקט צו מיר אַראָפּ,
די שטערן אויך דערנעבן.
איך קער מיין עלנט צו זיי,
נאָר זיי קענען קיין טרייסט מיר ניט געבן.

עס וואַקסט מיין עלנט אַלץ גרעסער,
די פינצטערניש טרעט פון מיר נישט אָפּ.
די וועלט איז מיר פוסט אָן אייך,
ווי פוסט עס איז איצט אייער שטוב.

איך זוך און נישטער אַלע וועגן,
אומעטום זוכט אייך מיין בליק,
נאָר געפינען קען איך קיינעם,
מיט אייך פאַרגאַנגען איז מיין גליק.

די באַן

טועז צוגן
מיט אימפּעט יאָגן,
צעלעכערט די לופט
פון וויינען און קלאָגן.

געפּאַקטע וואַגאָנען,
אַ מאַנגל אין אָרט,
מען טרייבט און מען יאָגט
אַ טראַנספּאָרט נאָך אַ טראַנספּאָרט.

פאַרריגלט, פאַרחתמעט,
מיט וואָפנס באַצירט
ווערן מיליאָנען יידישע לעבנס
אויף קידוש השם געפירט.

עס האַלדזט אַ מוטער
אירע פאַרחלשטע קינדער
און פאַלט גלייך אַנידער,
ס׳רופט קיינעמס וואונדער.

ווייל ס׳ליגן שוין פיל
אַזעלכע ווי זי דאָ,
געהאַט שוין דאָס גליק,
די אייביקע רו.

ס׳ווערט גראַמער אין וואַגאָן
און שווערער סאָפּעט די באַן,
דער מתים-באַרג
איז צום דאַך שוין דערגאַן.

אַט איז שוין דאָס אָרט
דער טרויעריקער נאָמען,
יידן-לאַגער טרעבלינקע
טוט אויפשווימען.

ס׳שפּייט אוים די באַן
ווּעמענס אָטעם נאָך קלאַפּט,
די פאַרחלשטע מאַסע
פון מלאכי־חבלה ווערן אַרומגעכאַפּט.

גלייך טרייבט מען רייען
גיך און געשווינדער,
פרויען, מענער,
קינדער באַזונדער.

אין אַ קליינער ווײַלע
דערגרייכט איז דער ציל,
און אַ ריזיקע מיטה
פאַרבליבן איז דער דיל.

שלענגלט זיך די באַן
איר וועג צוריק אויף גיך,
אָנגעפרעסן מיט רויב,
נשמהס, אָנטועכץ און שיך.

ווי לאַנג נאָך ?

ווי לאַנג נאָך וועט דויערן
די נאַכט מיט איר פינצטערניש,
ווי לאַנג נאָך וועט דער רוצח לויערן
אויף מיין לעבן ?

ווי לאַנג נאָך וועט לעבן
פאַר מיר היימן זינד,
ווי לאַנג נאָך וועט מיר קיין רו נישט געבן
אפילו מיין רעטערס א קינד.

ווי לאַנג נאָך אין דער ערד
וועלן ווערעם עסן מיין לייב,
ווי לאַנג נאָך וועט מאָרדן
ביי מענטשן זיין צייט-פאַרטרייב ?

איך פרעג דעם גרוב דעם שווארצן,
די ווענט ווי שטומע שטייען,
דעם אומעט פון מיין הארצן,
צי וועל איך דעם טאָג אמאָל נאָך דערזען

צו וואָס דאָס האָפן

אונטער דער ערד
זיץ איך פארמאַכט
דורך בייזע אויגן
פון אַלע זייט באַוואַכט.

ס'לויפן טעג,
חדשים און וואָכן
און דער נאַצישער כוח
איז נאָך אַלץ נישט געבראָכן.

איך רו נישט ביי טאָג
און שלאָף נישט ביי נאַכט.
איך ליג אין דעם שמוציקן גרוב
און איך טראַכט:

צו וואָס דאָס האָפן,
צו פרייהייט שטרעבן,
און נאָך וואָס דער מאַטער
און דער קאַמף פאַר לעבן?

ווי וועל איך קענען
אַ פרייען טריט שטעלן,
ווען איך ווייס, אַז אַלע
טוען מיר פעלן?

קיין טאַטן, קיין מאַמען,
קיין שוועסטער, קיין ברודער,
ווי פון אַ שטיין,
קיין ריכטער, קיין קלאַגער.

עלנט און איינזאַם
וועל איך אויף דער וועלט טאָן שפּאַנען,

מיט ווייטיק טאָן קוקן
וואו אַלץ איז געשטאַנען.

און טיילמאָל דוכט זיך,
איך שלאָף און איך חלום.
ווען איך וועל דערוואַכן,
וועט אַלץ צוריק זיין בשלום.

נאָר דער טרויעריקער אמת
לאָזט זיך נישט נאַרן,
איך בין שוין אין דעם
זייער גוט דערפאַרן.

איך דערמאָן זיך מיין פאַרשטאָרבענע מאַמע
— געווען בין איך דאָן אַ קינד —
נאָר איך געדענק עס גאַנץ גוט,
ווי זיין זאָל דאָס אַצינד.

געהאַט האָט זי דאָס גליק
אין אַ סוכות, חול-המועד
צו שטאַרבן —
מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

איך געדענק ווי מיין שוועסטער
האָט געטאָן צו מיר זאָגן:
קום זען די מאַמע,
דו וועסט שוין מער זי נישט האָבן.

איך האָב דאָן אויסגעבראָכן
אין אַ קינדעריש געוויין,
אָבער דאָך נישט געגלויבט,
אַז איך וועל איר טאַקע מער נישט זען.

גרויס איז געווען דער אומגליק,
דער טרויער און פּיין,

אַז זיבן קינדער
זאָלן פֿאַריתומט זיין.

אָבער אַלץ איז דערוואַקסן,
ווי פֿעלדער שיין פֿאַרזייטע,
תנאימס, חתונות
איינע נאָך דער צווייטער.

ביי יעדער שמחה זיינען
פֿון טרערן אונזערע אויגן געווען גראָ,
די קינדער האָבן זיך אַרומגעקוקט,
אַז די מאַמע איז נישטאָ.

ווי טרויעריק וועט אויסזען
יעדער אין מיין לעבן מאָמענט,
ווען איך ווייס, אַז אַלע
זיינען אין איין פֿייער פֿאַרברענט.

די זון

שאָקלען זיך פרומע זאַנגען
און שעפּטשען שטיל אַ תּפילה.
די זון איז אויפגעגאַנגען
און אַ שמייכל געוואָרפן מיר אפילו.

כאָטש זי שיינט נישט היינט פאַר מיר
און וויל מיר נישט מער קענען,
דאָך אַ רייץ טאָן גלוסט זיך איר,
וואָס מאַכט מיין פּנים ברענען.

ברענט און בריט גאַנצע טעג
און טריקנט מיינע ליפּן,
זי ווייסט ווי באַדראָט ס'איז מיין וועג
וואַסער געפינען אַ זופּן.

דערציילן מיר זאַנגען פון דער זון,
דער גרויסער עזות־פּנים,
אויף אונז טוט זי צרות אָן
וואָס העלפן מיט אונזערע שונאים.

טרינקט אויס פון אונז דאָס בלוט,
און מאַכט לאָז בלייבן מיר געבויגן.
קומען קאָסעס פון דאָרף און שטאָט
און שניידן פון אונז אָן סטויגן.

הונגער טויט

איך שטאַרב מיט דעם שווערסטן
טויט פון דער וועלט, —
פון הונגער און דאָרשט —
ס'האָט מיר ברויט און וואַסער פאַרפעלט.

ווי אַ וואָרעם ליג איך
איינגעדרייט אין אַ קנויל.
דער פינפטער טאָג שוין
ווי כ'האָב גאָרנישט געהאַט אין מויל.

אויף דער גאַס איז אויך
דער פראָסט זייער גרויס.
איך ליג אין אַ שטאָל
און קוק דעם טויט אויס.

איך פרואוו איבערבינדן
אויף די פיס מיינע וואונדן,
צום דריטן מאָל היינט
וויל איך זיך רירן
און טו מיין באַוואוסטזיין פאַרלירן.

גרויליק די ליידן
און שרעקלעך די נויט,
נאָר ליב איז מיר דאָס שטאַרבן
אַפילו פון הונגער-טויט.

ס'רוישט אין קאָפּ,
ס'קלינגען טויזנטער גלאָקן,
אָט קומט שוין מיין סוף,
נאָר איך טו זיך נישט שרעקן.

שאָטנס, היימישע געשטאַלטן,
צאַרטע מוטער-הענט טוען מיר דריקן,

זי לייגט מיר עפּעס אין מויל,
וואָס טוט מיך גלייך דערקוויקן.

איך מאַך אויף די אויגן
די שוין פאַרגלייזטע,
נאָר איך זע בלויז
אַ שטאָל אַ פאַרלאָזטע.

איך פיר מיינע בליקן
צו די פאַררינגלטע טירן,
דאַכט, אַז איך הער —
עס טוט זיי ווער רירן.

שטיל, מיט גנבה
האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט.
אַריין איז אַ מיידל —
זי האָט מיר עסן געבראַכט.

איך בין אויף דער ערד אַרויס

ציען אַף די שוואַרצע כמאַרעס,
ס'לייטערט דער הימל זיך אויס,
אוועק דער רויבער — דער פאַרניכטער.
איך בין אויף דער וועלט אַרויס.

אויפגעשטאַנען פון בונקער־קבר,
פון וואַלד פון דראָטן־צוימען,
און פון מיין חרובדיקער היים — גיי איך
דעם לעצטן שפּור פון האַקן־קרייץ אַפּרוימען.

אַ שיין פון טאָג גייט אויף איבער חורבות
ס'לופטערט דער ווינט געררוך פון ביין,
די זון נידערט אַראָפּ פון אַלע הויכן
און ווישט אָפּ די טרערן פון יעדן שטיין.